# ארכיוון

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

**נומער 7 • דאנערשטאג, ב' כסלו תשפ"ז • 12טן נאוועמבער 2026 • פרשת תולדות**

וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם

בראשית כה, יט



## אין דעם נומער


**א צדיק בן צדיק אדער א צדיק בן רשע?**
שמן למאור • לכבוד שבת

**קשיות אויף כיבוד אב ואם**
ארטיסט • הלכה

**ר' מיכאל בער ווייסמאנדל**
פאליש • אנשי שם

**רבקה'ס עלטער און עשו'ס בכורה**
א שמועס אויף דער סדרה

**וואס ירש'נט א קינד?**
יידל • וויסנשאפט

**„הלעיטני נא מן האדום“**
הײדפארק • הומאר

נומער 7 • דאנערשטאג, ב' כסלו תשפ"ז
12טן נאוועמבער 2026 • פרשת תולדות

# ארכיוו

הקדמה

# עלטערן און קינדער

טייערע לייענער,

די וואך לייענען מיר פרשת תולדות – „ואלה תולדות יצחק בן אברהם“. די סדרה רעדט פון עלטערן און קינדער: א טאטע און א מאמע וואס דאווענען אויף קינדער, צוויי צווילינג וואס שטויסן זיך שוין אין בויך, און א זון וואס איז מכבד זיין טאטן מער ווי ווער עס איז. ממילא גייט אויך דער נומער אויף דעם וועג.

אין אונזער הויפט־ארטיקל פרעגט „שמן למאור“: וועמענס תפילה איז חשוב'ער – פון א צדיק בן צדיק אדער פון א צדיק בן רשע? און ער ענטפערט מיט א שארפן בליק אויף א היימישן לעבן וואס פארט אויף א באן. אין קאווע שטיבל האט מען אין תשע"ג געשמועסט אויף דער סדרה – וויפיל יאר איז רבקה געווען, וואס האט עשו געהאלטן פון דער בכורה – און דער עולם האט אויך געשמועסט וועגן כיבוד אב ואם, דער מצוה וואס עשו האט מקיים געווען בהידור. „יידל“ דערקלערט וואס א קינד ירש'נט פון די עלטערן, און אויף היידפארק האט מען אין תשס"ו געלאכט פון די רויטע „גדיז עדשים“־קוקיס אין בארא פארק.

קומענדיגן מאנטאג, ו' כסלו, איז די יארצייט פון ר' מיכאל בער ווייסמאנדל, און מיר ברענגען א שמועס פון פאליש וועגן אים. דערצו קומען די פעסטע קאלומס: „יארצייטן פון דער וואך“, „פערל פון די ארכיוון“, „היינט מיט . . . יאר צוריק“ און „די תגובה פון דער וואך“.

ביי יעדן שטיק שטייט פון וועלכן ארכיוו עס קומט, דער ניק פונעם שרייבער, און ווען עס איז געשריבן געווארן. די ווערטער זענען זייערע; מיר האבן מגיה געווען דעם אויסלייג און די גראמאטיק, און וואו מיר האבן עפעס אויסגעלאזט, שטייט „[פארקירצט]“.

א גוט שבת, און האט הנאה פון לייענען!

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער

| | | |
|---|---|---|
| לכבוד שבת קודש | א צדיק בן צדיק אדער א צדיק בן רשע – ווער איז חשוב'ער? • שמן למאור | 3 |
| שמועסן אויף דער סדרה | רבקה'ס עלטער, עשו'ס בכורה און „זבל פרדותיו“ • שמעקעדיג, outspoken, איחוד פעלד און אנדערע | 6 |
| הלכה־שמועס | קשיות אויף הלכות כיבוד אב ואם • ארטיסט, קל וחומר, פארוואס? און אנדערע | 8 |
| תורה און וויסנשאפט | וואס ירש'נט א קינד? פון מענדעל'ס „פאקטארן“ ביז „מתו אחיו מחמת מילה“ • יידל | 12 |
| אנשי שם • צום יארצייט, ו' כסלו | ר' מיכאל בער ווייסמאנדל – וואס זאגן די נישט־סאטמארער? • נחוה, מומר לתיאבון, גרויסע מציאה און אנדערע | 15 |
| לוח | יארצייטן פון דער וואך • כינור1 | 17 |
| הומאר | „הלעיטני נא מן האדום האדום“ – אויף דער דרייצנטער עוועניו • בןמלך, Baachi, קרעמער און אנדערע | 18 |
| קורץ און שארף | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | 19 |
| היסטאריע | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | 22 |
| קאלום | די תגובה פון דער וואך • חדשים | 24 |
| מקורות | מקורות • די רעדאקציע | 25 |

לכבוד שבת קודש

# א צדיק בן צדיק אדער א צדיק בן רשע – ווער איז חשוב'ער?

„אינו דומה תפלת צדיק בן צדיק לתפלת צדיק בן רשע" – פארוואס האט דער אייבערשטער געענטפערט יצחק'ן און נישט רבקה'ן? א מחשבה אויף דער סדרה, וועגן יחוס, וועגן אייגענע וועגן, און וועגן די אייניקלעך וואס מאכן נאך דעם זיידן.

פון **שמן למאור** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „א צדיק בן צדיק אדער א צדיק בן רשע, ווער איז חשוב'ער?" • 23סטן נאוועמבער 2022
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15669.html

---

מען טרעפט די וואך אין דער פרשה ווי די תורה רעכנט אויס דעם יחוס פון דער מאמע רבקה. ויהי יצחק בן ארבעים שנה, בקחתו את רבקה בת בתואל הארמי מפדן ארם אחות לבן הארמי לו לאשה. פארוואס טאקע רעכנט מען אויס איר יחוס, לכאורה ווייסט מען עס שוין פון דער פריערדיגער פרשה, און בפרט אז עס איז נישט די שענסטע משפחה? זאגט רש"י אזוי: וכי עדיין לא נכתב שהיא בת בתואל ואחות לבן ומפדן ארם? אלא להגיד שבחה, שהיתה בת רשע ואחות רשע, ומקומה אנשי רשע, ולא למדה ממעשיהם. די תורה וויל אונז לאזן הערן די מעלה און שטארקייט פון דער מאמע רבקה אז זי איז געבליבן שטארק אין אזא הויז.

ווייטער שטייט אין פסוק אז יצחק און רבקה האבן נישט געהאט קיין קינדער, און זיי האבן זיך געשטעלט דאווענען. זאגט דער פסוק אזוי: ויעתר יצחק לה' לנכח אשתו כי עקרה הוא, ויעתר לו ה' ותהר רבקה אשתו. לכאורה וואס איז פשט אז דער פסוק זאגט דוקה ויעתר "לו" ה', זי איז דאך אויך געהאלפן געווארן? זאגט רש"י: ויעתר לו – ולא לה, שאין דומה תפלת צדיק בן רשע לתפלת צדיק בן צדיק. לפיכך "לו" ולא "לה". זיי זענען געהאלפן געווארן דוקא בזכות די תפלות פון יצחק.

לכאורה איז עס א שטיקל סתירה צו דעם פריערדיגן רש"י. אויב איז עס אזא שטארקע מעלה אז איינער וואקסט אויף א צדיק בן רשע אז די תורה דארף עס ספעציעל דערמאנען, דאן פארוואס ווען עס קומט צו תפילה איז איר דאווענען נישט אזוי חשוב? איז זי דען שולדיג אז איר טאטע איז געווען א רשע? פארוואס הערט דער באשעפער ענדערש אויס א תפילה פון א צדיק בן צדיק, דער צדיק בן רשע האט דאך לכאורה אסאך שווערער געארבייט אויף זיך און זיך געהאלטן שטארק?

מען קען עס פארענטפערן מיט א באקאנטע מעשה וואס איז פארגעקומען מיטן צאנזער רב. (דאכצעך. ביטע פאררעכטן אויב עס איז געווען ביי א צווייטע צדיק. אזוי אויך אלע אנדערע צדיקים וואס איך וועל נאכזאגן בשמם. כ'בין נישט אזא דייקן). ער האט אמאל געטראפן א קבלה צעטל פון איינער וואס האט זיך אויפגעשריבן פינקטליך וואס ער וועט טון. וויפיל אזייגער ער וועט אויפשטיין, וויפיל צייט צו לערנען פארן דאווענען, ווי לאנג די דאווענען וועט געדויערן, וויפיל בלאט צו לערנען, וכו' וכו'. האט דער צאנזער רב צוגעשריבן אונטן פון דעם צעטל "ופעמים להיפך"! פשט איז, אזוי ווי מען זאגט נאך פון ראפשיצער רב אויפן פסוק לא תעשון כן לה' אלוקיכם, מען זאל נישט דינען דעם באשעפער אויף אן אופן פון "דוקא אזוי"! עבודת השם איז נישט קיין ראובאטישע סיסטעם וואס מען פאלגט נאך פונקט אויף איין וועג. אמאל איז רצון השם אזוי, און אמאל איז רצון השם פארקערט. מען דארף האבן שכל צו זען לפי המקום ולפי הזמן וואס דער באשעפער וויל פון דיר אויף יענע מאמענט.

ווען מען וואקסט אויף אויפן היימישן קאנוועיר בעלט סיסטעם, קען זיך גאר גרינג מאכן אז איינער זאל טון אלע געזעצן פונעם בוך, אבער שטיין גאר ווייט פון עבודת השם. ער קען לייגן תפילין, דאווענען, לערנען, אבער נישט טראכטן פון באשעפער קיין רגע נישט! אלעס איז מצות אנשים מלומדה... עס פארט א באן טאג איין טאג אויס.. דער חומר זעצט זיך איין, און מען הייבט אן צו מיינען נאר כבוד געלט מיט זיך. אזוי ווי די באקאנטע מעשה פון דעם בן תורה וואס איז געווארן זייער נערוועז אז ער האט זיך גע'חלומ'ט ביינאכט פונעם אויבערשטן... ווארום ער טראכט דאך שוין נישט יארן פונעם אויבערשטן...

## ער קען לייגן תפילין, דאווענען, לערנען, אבער נישט טראכטן פון באשעפער קיין רגע נישט!

מען קען אמאל זען ווי אפילו גאר חשוב'ע אידן וועלן מקפיד זיין נישט משנה צו זיין קיין זיז כל שהוא פון דעם דרך אבותיהם ורבותיהם. זיי וועלן עסן נאר איין געוויסע סארט קיגל, מיט יענע סארט פיש. זיי וועלן אפילו צוגיסן אזוי פיל זאלץ ווי דער טאטע פלעגט צוגיסן. זיי וועלן נישט חלילה משנה זיין קיין קנייטש פון א לבוש וואס דער טאטע איז געגאנגען (חוץ א שינוי למעליותא... וואטעווער דאס מיינט. אבער דאס איז א שמועס פאר זיך וכמכ"ל) דאס איז אלעס זייער פיין אין חיצוניות וואס אויף דעם איז עס אים נישט אזוי שווער צו ארבעטן... אבער ווען עס קומט צו דער פנימיות... אהה, דארטן טוישט ער שוין איינמאל! די אהבת ישראל, עין טובה, מידות טובות, תורה, ויראת שמים דאס מאכט ער לאו דוקא נאך פונעם טאטן... דאס איז שוין נישט אינטערסאנט. די עיקר איז אז מען עסט חלילה נישט קיין דיפס ווייל דער טאטע האט נישט געגעסן.. אבער ציטערן צו פארשעמען אדער ווי טון א צווייטע איד, אדער זיין ערליך מיט געלט... דאס קען מען שוין משנה זיין פונעם טאטן...

אין אייןווארט, אן ערליכע סיסטעם איז טאקע זייער וויכטיג כדי צו האלטן די חיצוניות'דיגע המשך און סטרוקטור פון כלל ישראל, אבער עס האט א שווערע זייטווירקונג וואס מען דארף אובאכט געבן דערויף, די חיצוניות'דיגע הלכות געבן צו צום פאקט אז מען זאל זיך קענען קלאפן אויף די אקסלען אז מען איז שוין מסודר... מען 'פירט' זיך גוט, ווען אין דער זעלבער צייט קען מען דורכדעם פארקוקן די וויכטיגע פנימיות.

גאר אנדערש איז עס אבער ביי די בעלי תשובה. זיי זענען אייביג אויסגעבויט און פול מיט מחשבה און ריינקייט. זיי זענען אלעמאל ביזי מיט וואו זיי האלטן בפנימיות און מיט וויפיל זיי האבן זיך געריקט פון נעכטן. דאס איז די מציאות פון איינעם וואס האט א דרייוו און ער גייט אנטקעגן דעם שטראם וואס נעמט אים ארום, ער איז דא צו פייטן און מיינט עס אמת'דיג, די חיצוניות איז לאו דוקא זייער פאוקעס, זיי בויען אויף זייער עכטע זיך!

מען פארציילט א מעשה וואס איז פארגעקומען יארן צוריק מיט א בחור פון רוסלאנד, וואס האט זיך ארויסגעכאפט פון אונטער דעם אייזערנעם פורהאנג און איז ארויף קיין ארץ ישראל. ער האט זיך געוואלט איינשרייבן אין איינע פון די ישיבות צו לערנען, איז ער אריבער צו איינע פון די ראשי ישיבות פאר א פארהער. דער בחור האט זיך אנגעהויבן צו מתנצל זיין אז ער קומט פון רוסלאנד וואס דארטן איז לערנען תורה גאר א הארבע פארברעכן, און מען מוז גיין אין דער גויאישער פאבליק-סקול א גאנצע טאג, נאר סוף טאג ווען מען איז שוין גוט אפגעמוטשעט, גייט מען אין א באהאלטענע לאקאציע און מען לערנט תורה פאר צוויי שעה. ממילא, פירט אויס דעם בחור פארן ראש ישיבה, דארפט איר פארשטיין אז איך קען נאר סדר נזיקין, און סדר מועד מיט תוספות, אבער אז דו וועסט מיר אריינעמען אין דער ישיבה וועל איך לערנען גאר פלייסיג און משלים זיין דאס וואס איך האב פארפעלט און גאר בקרוב וועל איך קענען גאנץ ש"ס מיט אלע מפרשים און גאנץ שו"ע מיט די נושאי כלים אזוי ווי אלע אנדערע נארמאלע בחורים....!

דער ראש ישיבה האט אים פארהערט און געזען אז ער קען! ער איז ארויס פון התפעלות און ארייגעלאפן אין ביהמ"ד און אויסגעקלאפט אויף דער בימה, רבותי! קוקט אהער! א בחור וואס קומט פון רוסלאנד - וואס אויב מען כאפט איינעם לערנען תורה שיקט מען אים גלייך קיין סיביר, קען צוויי סדרים פון ש"ס ישר והפוך מיט תוספות! און עס גייט אים גארנישט אריין אין קאפ אז בחורים וואס זיצן אין דער פרייער וועלט און קיין שטער מיט וויפיל עסן און טרינקען זיי ווילן נאר, זאלן נישט קענען גאנץ ש"ס מיט ד' חלקי שו"ע!

פשט פון דער מעשה איז טאקע דאס. יא! אז איינער איז אין א מצב ווי עס איז אים שווער צו זיין ערליך און ער דארף זיך ראנגלען זיך צו קענען פירן וויאזוי ער האט איינגעזען פאר ריכטיג, וועט עס האבן אסאך א שטערקערע משמעות. ער וועט אויסניצן יעדע רגע... ער וועט נישט ריזיקירן זיין לעבן צו קומען אין א שול און דערנאך שמועסן איבער א קאווע... די גאנצע לערנען וועט האבן א שטערקערע רושם...

יא! ס'איז שווער צו קענען ש"ס אין א קאמוניסטישע רוסלאנד, אבער עס איז פיל שווערער צו קענען ש"ס אין דער פרייער וועלט ווען מען האט אלעס צוגעשטעלט און אלעס פארט פיין! די באן פארט.. מען איז זאט.. און... מען פארברענגט די צייט..! אזוי גייט עס... דאס איז די מציאות הדברים. נאר איינער וואס איז אן עכטער גיבור קען גיין קעגן דעם היימישן אינערליכן שטראם, דער שטראם וואס איז דאך נישט געניצליך אפגעפרעגט... און דאך זאל עס ביי אים יא זיין אפגעפרעגט.

## ס'איז שווער צו קענען ש"ס אין א קאמוניסטישע רוסלאנד, אבער עס איז פיל שווערער צו קענען ש"ס אין דער פרייער וועלט

עשיו איז געווען א טיפישער רבי'שע איניקל... ער איז געווען אין דער סיסטעם... באדינט דעם טאטן... כיבוד אב ואם! ער האט

געבויט די חסידות! ער האט געוויסט די ריכטיגע סלאגאנען וואס דער רבי זאל זיין געזונט האט ליב צו הערן... אבא איך מעשרין את המלח?

ביי די פערציג יאר האט ער נאכאמאל חתונה געהאט... ווייל דער טאטע זאל זיין געזונט האט אויך חתונה געהאט ביי די פערציג... איי דו רשע האסט אלע יארן געפאנגען פרויען פון זייער מענער און זיי באלעסטיגט?! דאס האט דיין טאטע נישט געטון!!... אבער דאס טוט ער שוין נישט נאך אזוי פונקטליך......

ווען ער האט געהערט ווי זיין טאטע הייסט זיין ברודער יעקב נעמען א ווייב וואס איז דוקא נישט פון די בנות כנען איז ער שנעל געלאפן און חתונה געהאט צו מחלת בת ישמעאל! אהה! פונקט ווי דער רבי הייסט... אבער נאר איין פראבלעם... שלא גירש את הראשונות... ער נעמט א נייע ווייב לויט די תקנות.. אבער ער האלט נאך די אלטע... עס דארף נאר אויסזען גוט.. פאלגן מיט אן אמת'דיגקייט איז שוין צו שווער...

יצחק אבינו און יעקב אבינו זענען געווען קינדער פון צדיקים, זיי וואלט געקענט ווערן נאכגעשלעפן אויפן ראבאטישן שטראם פון טון אן טראכטן, פון טון אן קיין מחשבה און געפיל, אבער דאך זענען זיי געשטאנען פעסט אנטקעגן דעם שטראם און גערינט דעם באשעפער אויף זייער אייגענע שטייגער!

אברהם אבינו האט געהאט א דרך עבודה פון 'מדת החסד' אבער יצחק האט אנגענומען א נייע דרך פון 'מדת הגבורה'! און יעקב האט גאר אנגענומען א פשרה'דיגן מהלך פון תפארת! יעדער האט געדינט דעם באשעפער אויף זיין אייגנארטיגן אינערליכן אופן.

גערעכט טאקע אז א תפלת צדיק בן רשע האט א חשיבות, למעשה דארף מען זיך שלאגן אנטקעגן דעם שטראם. אבער אסאך חשוב'ער איז א תפלת צדיק בן צדיק, אזא איינער וואס דארף זיך שלאגן מיטן שטראם שבתוך השטראם! ער האט אסאך א שווערערע עבודה זיך צו האלטן ריין און אמת'דיג. דערפאר איז ויעתר "לו" ה' דוקא!

## דער שינאווער און זיין טאטע

אינעם זעלבן אשכול האט „berlbalaguleh" צוגעלייגט א מעשה פון שפעטערע דורות:

אויך אין די שפעטער'דיגע דורות איז געווען אזא פאל. וואו א טאטע און א זון האבן מחולק געווען אין הלכה. דער צאנזער רב און זיין זון דער שינאווער רב. אבער די קעגנזייטיגע אהבה איז פארבליבן. דער דברי חיים שרייבט אין איינס פון זיינע תשובות אויף זיין זון ..."אם יתנו לו כל חללי דעלמא לא משני בדיבוריה"...! אויך די מעשה איז ידוע. אז דער שינאווער רב איז געקומען קיין צאנז. ער איז אריין אין ביהמ"ד און אדורכגעלערנט הילכות כיבוד אב ואם. האט איהם איינער געפרעגט..."דו גייסט דאך זיך מתוכח זיין מיט דיין טאטע איבער גאנץ אן אנדערע הלכה. פארוואס לערנסטו הילכות כיבוד או"א? האט ער געענטפערט..."איך דארף אדורכלערנען הכבוא"א כדי צו וויסן וואס איך מעג יא זאגן. און וואס איך טאר נישט זאגן פאר מיין טאטע...!

berlbalaguleh • קאווע שטיבל • 23סטן נאוועמבער 2022

שמועסן אויף דער סדרה

# רבקה'ס עלטער, עשו'ס בכורה און „זבל פרדותיו“

אין דער וואך פון פרשת תולדות תשע"ג האבן די חברים פון קאווע שטיבל געשמועסט אויף דער סדרה: וויפיל יאר איז רבקה געווען, וואס האט עשו געהאלטן פון דער בכורה, און פארוואס האבן יצחק און רבקה געדאווענט יעדער אין א באזונדערן ווינקל. פינף יאר שפעטער, אין תשע"ח, איז די ערשטע שאלה ווידער געקומען צום טיש.

פון **שמעקעדיג, outspoken, איחוד פעלד און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „שאלות אויף דער סדרה (אשכול #2240) • „איז טאקע רבקה געווען דריי יאר?““ • 11טן–18טן נאוועמבער 2012 • 12טן נאוועמבער 2017
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2240.html

**שמעקעדיג** • 11טן נאוועמבער 2012

קען מען דא אויסשמועסן דעם ענין פון רבקה'ס עידוש?
עס איז אנגענומען אז זי איז אלט געווען 3 יאר.
אבער די תורה פארציילט אז זי האט אנגעטרונקען אלע קעמלען און מקיים געווען הכנסת אורחים, וואס דאס איז פיל מער ווי א געווענליכע 3 יעריגס.

**נולד מאחוה** • 11טן נאוועמבער 2012

שמעקעדיג שרייבט:
„קען מען דא אויסשמועסן דעם ענין פון רבקה'ס עידוש?“

לויטן סדר עולם איז זי געווען פערצן יאר. [פארקירצט]

**בענדזשאמין פרענקלין** • 17טן נאוועמבער 2012

שמעקעדיג שרייבט:
„עס איז אנגענומען אז זי איז אלט געווען 3 יאר.“

מה קנה יצחק לרבקה אשתו ביום נישואין הראשונה שלהם [anniversary gift]?
וחשבתי לפי הנ"ל דמסתמא קנה לה doll set כנעני.

**outspoken** • 14טן נאוועמבער 2012

עשיו האט געטון ביי דעם טאג פון זיין בר מצוה די ערגסטע עברות ווי די גמרא זאגט אין מסכת בבא בתרא דף טז עמוד ב אמר רבי יוחנן, חמש עבירות עבר אותו רשע באותו היום: בא על נערה מאורסה, והרג את הנפש, וכפר בעיקר, וכפר בתחיית המתים, ושט את הבכורה, איז א ווינדער אז די תורה זאגט נאר אריוס בפירוש די קלענסטע עבירה פון די פינף.

**outspoken** • 14טן נאוועמבער 2012

ר' אהרן קוטלער ז"ל האט געזאגט פשט, עשיו האט מבזה געווען די בכורה ווייל ער האט געגלייבט אין Evolution, אלעס אויף דער וועלט איז א פורצאפאל און סא'ז נישט דא קיין שום רוחניות'דיגע ענין אז א בכור נעמט צוויי חלקים נאר פשוט ווייל ער איז געווענטליך שטערקער, פונקט ווי די חיות אין וואלד צוטיילן זיך מיט דעם רויב, מימלא איז ער אריוס אין געטון אלע מעשים ווי א חיה טורפות.

**איחוד פעלד** • 17טן נאוועמבער 2012

outspoken שרייבט:

„עשיו האט מבזה געווען די בכורה ווייל ער האט געגלייבט אין Evolution“

כ'פארשטיי נישט קיין איין ווארט.

1. אלעס איז פערצופאל
2. א בכור נעמט צוויי חלקים ווייל ער איז שטערקער אזוי? כאב גארנישט געוויסט. אבער לאמיר שוין זאגן.
3. פונקט ווי די חיות פין וואלד צוטיילן זיך מיט דעם רויב. דאס הייסט אז מען כאפט און מען רייסט איינער פין אנדערן אן א חשבון פין צוטיילן אין חלקים.
4. ממילא איז ער ארויס אין וואלד אין זיך אויף געפירט ווי א חיה.

הייסטעס ווייל מען דארף כאפן ירושה אן א חשבון ווי א חיה ממילא דארף מען טון אלע עבירות ווי א חיה.

האט עשיו געהאלטן אז מען נעמט צוויי חלקים? אויב יא פארוואס זאגסטו ער'ט מבזה געווען די בכורה. ער האט אויך געהאלטן פין בכורה יהיה מאיזה טעם שיהיה.
אויב האט ער נישט געהאלטן מהיכי תיתי ער זאל האלטן אז מען דארף זיך טיילן פונקט ווי די חיות אין וואלד? אפשר זאל ער האלטן אזביידע דארפן נעמען שוה בשוה?

**outspoken** • 18טן נאוועמבער 2012

שטייט אין רש"י און אין מדרש ויגדל האיש וילך הלוך וגדל א"ר חנין עד שהיו אומרים זבל פרדותיו של יצחק ולא כספו וזהבו של אבימלך,

ווי אזוי קען זיין אז יצחק האט געהאט פרדות וואס איז כלאי בהמות א סוס וחמור?

סאטמאר'ע רב ז"ל ענטפערט אז ס'שטייט שהיו אומרים די לצים אין די קאווע שטיבלעך האבן דאס געזאגט אבער ס'האט נישט געהאט קיין שום שייכות מיטן מציאות.

(פארשטייט זיך אז מ'מיינט נישט אונזער קאווע שטיבל וואס גיבט אפ די גרעסטע כבוד פאר גדולים אפילו פאר כ"ק אדמו"ר מ'מילק שעיק און זיין אינגערן ברודער כ"ק אדמו"ר מ'ספייסי פרענטש פרייס שליט"א)

ס'דערמאנט א מעשה, א איד און ווארשה האט פארלוירן ביי א די"ת האט ער געשריגן אויף זיין בעל דברים, איך וועל ארויס לאזן א שם רע אז דיין טאכטער האט חתונה געהאט מיט א גוי ר"ל, זאגט אים זיין בעל דברים, איך האב דאך אפילו נישט קיין טעכטער נאר זינען, האט ער אים געזאגט דאס זאלסטו זיך פארענטפערן פאר גאנץ ווארשא...

**גאלד** • 18טן נאוועמבער 2012

וואסי די גאנצע געשעפט וואס רש"י פארעט זיך אזוי אז יצחק האט זיך געשטעלט אין איין ווינקל און מתפלל געווען און רבקה ביי איין אנדערע ווינקל,

למאי נפק"מ פונקטליך ווי זיי זענען געשטאנען,

וואס איז עס אזוי נייטיג צו דעם סיפור הדברים, צו מ'שטייט דא צו מ'שטייט דארט,

**outspoken** • 18טן נאוועמבער 2012

גאלד שרייבט:

„למאי נפק"מ פונקטליך ווי זיי זענען געשטאנען“

רבותינו דרשו אודות פסוקים אלה, (הובאו דבריהם בפירוש רש"י), "זה עומד בזוית זו ומתפלל, וזו עומדת בזוית זו ומתפללת". וצריך להבין, מדוע שניהם התפללו כל אחד בזוית אחרת? מדוע לא התפללו שניהם יחד, במקום אחד, מעין מה שנאמר "ברוב עם הדרת מלך"?

למדנו מכאן, ששלום בית נפלא שרר בביתם של יצחק ורבקה. יצחק, לא פגע ולא העציב את רבקה אשתו על כך שהיא עקרה ואין לה בנים. ורבקה, לא העציבה את יצחק בעלה על כך. גם כשרצו להתפלל לה' בבכי בדמעות שליש ולשפוך שיח לפני ה' באנחה, לא עשו זאת אחד על יד השני, בכדי שלא לגרום צער זה לזו, אלא התרחקו כל אחד לזווית אחרת, בכדי שכל אחד לא ירגיש בעצבותו וצערו של השני ולא יפגע בשל כך. לכן כל אחד עמד בזוית אחרת.

[פארקירצט]

**קאצקע ציקער** • 12טן נאוועמבער 2017

קינד און קייט ווייסן צו זאגן פון דעם רש"י דעי וואכעדיגע סדרה אז רבקה איז געווען דריי יאר ווען זי האט חתונה געהאט מיט יצחק. למעשה דאס צו זאגן איז זייער שווער איינס שיקט מען דען ארויס אזא קליין מיידל שעפן וואסער? ועוד קען מען פרעגן נאך שאלות. קיצור ס'איז א מחלוקה און טייל האלטן אז זי איז געווען 14

א באמבע וואס?

**טמיר** • 12טן נאוועמבער 2017

די שיטת המדרש אז ז' איז געווען בלויז 3 יאר, איז געבינדן אין אן אנדערע מדרש (אויך אביסל תמוה) אז יצחק איז געווען 37 ביי דער עקידה. און דאס איז געבויט אויף דעם אז שרה איז נפטר געווארן גלייך נאך דער עקידה (וואס דעמאלטס איז יצחק געווען 37, און רבקה -וואס איז געבוירן נאך דער עקידה- האט געדארפט זיין מאקסימום 3 יאר)

דער אבע"ז, און איך מיין אז עס זענען דא נאך, האלט אז יצחק איז געווען א קינד בעת די עקידה, ממילא וועט ער מסתם אויך האלטן אז רבקה איז געווען עלטער. סא עס איז נישט אזא גרויסע חידוש

**berlbalaguleh** • 12טן נאוועמבער 2017

דאס איז אמת. אבער רש"י שרייבט א סאך מאל צו, וואו ס'איז וויכטיג צו וויסן, די פאלגענדע ווערטער..."ואין מקרא יוצא מידי פשוטו"...!

אדער אויף א ביסל אן אנדער'ן נוסח...."זהו מדרשו. ופשוטו של מקרא"...!

רש"י הק' איז געווען א פרשן. אבער ער האט זיך אויך שטארק באנוצט מיט דרש. פון מדרש תנחומא למשל. אדער פון די דרשות פון ר' משה הדרשן...!

הלכה־שמועס

# קשיות אויף הלכות כיבוד אב ואם

„לא כבדתי את אבא כעשו כבד את אביו“ – זאגט רבן שמעון בן גמליאל. אין אונזער סדרה ברענגט עשו דעם טאטן צו עסן, און זיין כיבוד אב ווערט א משל אויף אלע דורות. אין קאווע שטיבל האט „ארטיסט“ אויפגעשטעלט צוועלף קשיות אויף די הלכות פון כיבוד אב ואם, און דער עולם האט געענטפערט.

פון **ארטיסט, קל וחומר, פאראוואס? און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות • נישט קיין פסק הלכה

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „קשיות על הלכות כיבוד אב“ • 17טן–21סטן פעברואר 2016
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10151.html

**ארטיסט** • 17טן פעברואר 2016

די תורה גלייכט צי כיבוד אב ואם ממש צו כבוד המקום. אין יורה דעה זענען דא צוויי ריזיגע סמנים וואס רעדן איבער הלכות כיבוד אב ואם. פאלגנד זענען מיר וויאזוי א קינד דארף אינטערעקטן מיט זיינע עלטערן:

אמר בתורה (שמות כ, יב): "כבד את אביך ואת אמך". והיא מצות עשה מן התורה לכבד את אביו ואת אמו. וצריך ליזהר מאד בכבוד אביו ואמו ובמוראם, ששקל הכתוב אותם ככבוד המקום ומוראו. ואמרו חכמים שלשה שותפים יש לו לאדם, הקדוש ברוך הוא, אביו ואמו, בזמן שאדם מכבד את אביו ואת אמו, אומר הקדוש ברוך הוא מעלה אני עליהם כאילו דרתי ביניהם וכבדוני. ולכן חיוב גדול על כל אחד לקבוע שיעור בהלכות אלה ולהיות בקי בהם, לגודל חומרת המצוה. בדיבור כיצד, ידבר עם הוריו בנחת ובלשון רכה ובכבוד, כמדבר אל מלך. וגם ידבר עמהם בבושת פנים, ולא יתריס כנגדם.

עס איז לכאורה דא איינס פון יעדער הונדערט מענטשן וואס האבן שוין דורכגעלערנט הלכות כיבוד אב, און עס איז פלאי פלאים וויפיל דקות'דיגע הלכות עס איז דא פון קינדער צו עלטערן. לויט די סמנים פון שו"ע לאזט זיך צו זאגן אז אפשר איין מענטש פון טויזענט איז מקיים הלכות כיבוד אב כראוי – עס איז אזוי דקות'דיג אז עס ווערט אפילו פגום במחשבה. קוקט וואס שטייט:

כיבוד במחשבה כיצד, שלא יבזם בלבו, ויכבדם רק כלפי חוץ, אלא ידמה בעיניו שהם גדולים וחשובים ונכבדי ארץ, אע"פ שבעיני שאר בני אדם אינם חשובים כלל, וזה עיקר הכיבוד.

עס ווערט אפילו מער דראמאטיש, אז דו קענסט ניטאמאל אויסמיידן די הלכות. דער איינציגסטער וועג וואס דו קענסט זיי מכבד זיין איז זיך אויפצופירן ערליך [עכ"פ וויאזוי עס ווערט דעפינירט ביי די הורים]. א פלא:

הרוצה לכבד את אביו ואת אמו לפי האמת, יעסוק בתורה ובמעשים טובים, וינהג בישרות, שזהו הכבוד הגדול לאבות,

שאומרים הבריות, אשרי לאב ואם שגידלו בן כזה. אבל אם אין הבן הולך בדרך הישר, הרי אבותיו ישאו חרפה עליו, והוא מבייש אותם בבושה שאין גדולה הימנה. ויזהר מלהתקוטט עם בני אדם, כדי שלא יבזו את הוריו.

מען קען טרעפן אן א שיעור דגמאות ביז ווי שטארק מען דארף זיי מכבד זיין. מען טרעפט זייער אסאך אויסדריקן ביי כיבוד אב וואס ווערן געזאגט בין אדם למקום:

אין גבול למצות כיבוד אב ואם, שהיא מצוה יקרה, וכל המרבה לכבד את הוריו הרי זה משובח.

אין זוהר איז אפילו דא א טערמין אז מען דארף מכבד זיין די עלטערן פונקט ווי די ווייב:

נאמר בזוהר הקדוש: צריך שכל אחד יטע בלבו לאהוב את הוריו כגופו.

די הלכות דרינגען אריין צום סאמען תכינות הנפש, דו טארסט אפילו נישט זאגן אנדערש ווי דער טאטע:

בכלל דין מורא שהבן או הבת לא יסתרו את דברי ההורים.

עס איז דא אזויפיל הלכות אז מען קען זיך כמעט נישט רירן אן עובר זיין אויף לכה"פ צוויי איסורים. יעצט, עס וואלט כדי געווען אויסצושמיעסן וואס איז די עומק המצוה. ראציאנעל קען מען זאגן אז עס איז פשוט שכל'דיג מכיר טובה צו זיין די עלטערן, אבער לפי דברי שו"ע איז משמע אז דאס גאנצע לעבן פון א מענטש דארף זיך כמעט דרייען ארום זיינע עלטערן. זיין דעת איז בטל צו זיין, ער קען נישט טון זאכן וועגן זיי, ער טאר נישט טראכטן אנדערש ווי זיי, ער מוז זיי ליב האבן, ער איז ממש כעפרא דארעא קעגן זיינע עלטערן:

יעצט אפאר שאלות:

א - לויט די סמנים, וואס פעלט אויס די גאנצע תורה, עס וואלט געגוג געווען בלויז הלכות כיבוד אב ואם, און דער מענטש האט א פערטיגע בלופרינט פונקטליך וויאזוי זיך צו פירן? ווייל אפילו ער טראכט אנדערש ווי זיין טאטע איז די מצוה זיך אזוי אויפצופירן פונקט ווי זיי, כדי צו מאכן א נחת רוח פאר זיי?

אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו, כמעט האלב פון די הלכות, איז כמעט אוממעגליך מקיים צו זיין. א טאטע איז טאקע א טאטע, אבער דאס קינד האט זיך זיין אייגענע רצוניות, סביבות, שכל, דעת, הבנה, וויאזוי איז מעגליך אז א מענטש זאל מבטל זיין רצונו ומחשבתו פאר זיינע עלטערן עד כדי כך אז ער דארף זיך פירן אנדערש וויאזוי ער וויל, כדי מקיים צו זיין א מצוה?

ב - כיבוד אב איז א נאטורליכע דראנג, טא אויב אזוי וואס איז שייך א מצוה. אמת אז מיר טרעפן ענליכע מצות וואס זענען טבע'דיג, אבער אין דעם פאל, אויב מאכט זיך א פירוד איז כמעט אוממעגליך עס מקיים צו זיין?

ג - לויט די הלכות איז משמע אז די מצוה איז נישט בלויז וועגן 'כבוד' אדער 'מכיר טובה' זיין. עס שיינט מער ווי א גדר אפצוהאלטן דעם מענטש פון טאן עפעס, ווייל ער מוז זיך קלאמערן בדרכי אבותיו, סא דאס פארשטערקערט אונזער ערשטע קשיא, וואס פעלט אויס די גאנצע תורה, דער מענטש קען דאך סייווי כמעט גארנישט טון קעגן זיין טאטע. און לויט דעם איז משמע אז עס האט גארנישט וועגן כבוד, נאר עס איז א סייג?

ד - לויט די הלכות, מה הדין אויב עלטערן פירן זיך נישט כדרכי התורה (הגם עס איז טאקע דא א הלכה אז מען דארף נישט פאלגן) וואס דארף דער מענטש טון, וויאזוי קען ער זיי מכבד זיין קעגן זייערע רצון?

ה - וואס געשעט אויב די עלטערן זענען אומסטאביל, אדער האבן עקסטרעמע שיטות, נישט ווי געוועהנליך, וויאזוי קען א מענטש מקיים זיין די מצוה? אפשר דאס איז טאקע די סיבה פארוואס עס איז יא דא א תורה, אז אין אזעלכע פעלער דארף מען נישט זיי נאכגיין?

ו - לויט אונזערע לעצטע הנחה, קען יעדער מענטש אפמאכן אז זיינע עלטערן זענען עקסטרעם, אדער אבנארמאל, ווייל דער כלל פון כשם שפרצופיהן אינם שוות וכו' שליסט זיך נישט אויס צווישן א קינד און א טאטע. סא וויאזוי קען מען ריכטיג מעסטן ווער עס איז גערעכט. ווייל לויט יעדן קינד אויב טוט ער עפעס אנדערש, קומט עס זיכער נאך א הנחה אז זיינע עלטערן זענען נישט ווי געוועהנליך?

ז - אם תמצי לומר אז נאר הלכות ברירות דארף מען פאלגן, דאן וויאזוי קען מען מקיים זיין די, "וינהג בישרות, שזהו הכבוד הגדול לאבות", לויט דעם טאטן פירט זיך נישט דאס קינד אויף כדבעי?

ח - לויט די הנחות אז נאר הלכות ברירות דארף מען פאלגן וואס טוט זיך מיט מסורה, אויב דער טאטע האט מקבל געווען מסורת, ווערט צוריק שווער די אלע ערוועגטע קשיות לויט אל תטוש תורת אמך?

ט - וועלכע מסורה דארף א קינד מקיים זיין? עס ווענד זיך אין דעם מזל פונעם קינד וויפיל מסורות עס איז דא ביי זיינע עלטערן? ווייל מנהגים און מסורות טוישט זיך יעדע צווייטער דור, סא וויאזוי קען מען וויסן וואס איז וויכטיג און וואס איז נישט וויכטיג, אלס מיט דעם געדאנק אז "וינהג בישרות, שזהו הכבוד הגדול לאבות"?

י - לויט דער הלכה פון לא יסתרו את דברי ההורים, איז כמעט אוממעגליך צו האבן א נארמאלע שמיעס מיט די עלטערן, ווייל עס איז לא ימלט צו האבן א שמיעס מיט א מענטש און האבן אן אנדערע מיינונג. אין בעסטע פאל קען מען זאגן: עס איז ממש אוממעגליך מקיים צו זיין. אפילו דו ווערסט זאגן אנדערש ווי אים אויף א שיינעם אופן, אדער אויף א כיטרע אופן, ביסטו נאכאלץ סותר את דבריו?

יא - וויאזוי קען מען מקיים זיין די הלכה: ידמה בעיניו שהם גדולים וחשובים ונכבדי ארץ. וואס טוט זיך מיט עלטערן וואס זענען פויערן? פרעג מיך נישט יעצט אז די זעלבע קשיא איז דא ביי אמונה פון ואהבת את ה' אלקיך, ווייל עלטערן זענען נישט ג-ט און עס איז דא גענוג עלטערן פויערן?

יב - אפילו עלטערן וואס זענען נישט קיין פויערן, אבער דאס קינד האט נישט קיין ריספעקט פאר זיין, וויאזוי קען ער מקיים זיי די הלכה. ער קען נישט טון די טריק וואס מען טוט כלפי דעם אייבירשטן, אז מען זאל זיך מתבונן זיין אין דער בריאה. ווייל וויפיל א קינד וועט זיך מתבונן זיין בהוריו וועט ער זיי א סך מער נישט ריספעקטן?

**קל וחומר** • 21סטן פעברואר 2016

א כלליות'דיגע תירוץ איז די באקאנטע גמרא אין קידושין 'אשרי מי שלא חמאן' טאקע ווייל ס'יז אוממעגליך מקיים צו זיין די הלכה כתיקונה.

אזוי פיל יא, מ'דארף שואף זיין צוצוקומען צו די זאכן.

דער עצם געדאנק פארוואס די תורה האט אויסגעשטעלט א הלכה וואס איז כמעט אוממעגליך פאר רוב עמך אידן מקיים צו זיין, איז לכאורה ווייל אז מ'איז זיך מתבונן איז נישט שייך צו באצאלן פאר עלטערן וואס האבן אים אראפגעבראכט אויף דיזער וועלט, חוץ אויב איינער קען מחיה מתים זיין זיינע עלטערן נאך הונדערט און צוואנציג, און דאס ווייל די תורה, אז מ'זאל זיך אויך מתבונן זיין אינעם דריטן שותף הקב"ה אין אנערקענען אז וויפול מ'טוט פאר אים איז מען אים נאך אלץ שולדיג.

**פארוואס?** • 21סטן פעברואר 2016

זייער שיין צונומען, שואל כענין.

לאמיר פראבירן ענטפערן עד מקום שידי מגעת.

צום אלעם ערשטן, האסטו באהאלטענערהייט אריינגעווארפן א הנחה, א זאך וואס דו האסט אויף דעם נישט געברענגט קיין מקור, און כ'מיין אז רוב פון דיינע קושיות איז צוליב דעם.

דו שרייבסט אז די מצוה פון כיבוד אב ואם, איז צו זיך אויפפירן פונקט ווי דעם טאטן, און איך זע נישט פון וואו דו נעמסט עס. עס שטייט אינגאנצן "וינהג בישרות", מ'דארף זיך פירן ביושר, אפגעזען וואס די עלטערן טון.

א. כפי ווי כ'האב געשריבן, ס'שטייט נישט אין ערגעץ אז כיבוד אב ואם מיינט אז מ'מוז טון אלעס וואס דער טאטע/מאמע טוט.

עס פעלט נישט אויס צו ארויסנעמען זאכן פון פראפארציע, אז עס שטייט אין שולחן ערוך אז מ'דארף מכבד זיין, מיינט עס גארנישט מער ווי יעדער ארנטליכער איד אדער אפילו גוי פירט זיך אויף.

ב. כיבוד אב ואם אזוי ווי אנדערע מצוות איז א מאראלישע ציווי, אזוי ווי דער איסור גניבה און רציחה.

די תורה איז נישט געגעבן געווארן צו פאר דרייען די נאטורן פון דער מענטשהייט, און אז כיבוד אב ואם איז נאטורליך, איז עס זייער גוט און אזוי דארף עס זיין.

ג. ווייטער כנ"ל, איך ווייס נישט פון וואו דו נעמסט עס. כיבוד אב ואם, איז נישט געזאגט געווארן כדי דער זון זאל גיין די זעלבע פארעם הוט ווי דעם טאטן. עס איז א מצוה ווי רוב מצוות, אז א איד זאל זיך אויפפירן מאראליש און ארנטליך.

דער טעם דערפון איז זייער פשוט, אלס הכרת הטוב, אזוי ווי דער חינוך שרייבט, און כ'מיין אז ס'איז איבעריג עס צו ערקלערן.

ד. עס שטייט שוין אין גמרא ופוסקים, אז מ'דארף נישט פאלגן עלטערן קעגן די דרכי התורה והיושר.

מכבד זיין קען מען נאך אלס, עס איז בכלל נישט קיין סתירה. ואיכמ"ל.

ה. דאס איז די זעלבע ווי אין אות ד'. עקסטרעמע עלטערן וועלן לרוב הייסן און צווינגען די קינדער צו טון זאכן קעגן דער תורה. (לשה"ר, רכילות, שנאת חנם, הונאה איז אויך בכלל פון דער תורה).

און בכלל, א קינד איז זיך נישט מחויב צו לאזן אביוזן פון די עלטערן.

און ווי פריער געשריבן עס איז נישט קיין שום סתירה צו כיבוד.

ו. א מענטש מאכט ממילא אפ לויט זיין פארשטאנד, און עס איז נישט פארהאן קיין שום מיטל צו איבערמאכן יענעם'ס דעות.

און ווידער, עס שטייט נישט אין ערגעץ אז קינדער דארפן נאכטאנצן אלע משוגעת'ן פון די עלטערן.

ז. עס איז נישט קיין נפקא מינה וואס דער טאטע האלט, די נפק"מ איז וואס דער אמת'ער יושר איז.

ח. אל תטוש תורת אמך, איז סך-הכל א פסוק אין משלי, די אלע תורות און תורי תורות וואס זענען אריינגעלערנט געווארן דערין איז אום-רעלעוועוונט.

ט. "וינהג ביושר" מיינט נישט קיין מסורה. ע"פ שו"ע איז דער מושג פון מסורה נישט פארהאן נאר ביי איינצעלנע זאכן ווי למשל ביי כשרות העופות.

אויסער דעם, יעדער איינער פארשטייט זייער גוט וואס יושר איז, דאס איז די נאטורליכע מאראל וואס יעדער מענטש איז באשאפן דערמיט, און עס פעלט נישט אויס קיין מסורת דערפאר.

י. ס'איז שייך צו זאגן אז מ'האלט אנדערש, כל זמן ס'איז בדרך כבוד, ופשוט.

יא. וויפיל עס איז שייך דארף מען רעספעקטירן, ס'איז קיינעם נישט אינטערעסאנט צו לעבן אין דמיונות.

יב. כנ"ל באות יא.

כנלענ"ד, ואם שגיתי ה' הטוב כבר כיפר בעדי.

**ארטיסט** • 21סטן פעברואר 2016

יישר כח שיטה מקובצת. האסט מיר אויף רוב זאכן גוט געענטפערט. איך האב גרויס הנאה געהאט.

אויף דיין קשיא פון וואו איך נעם די הנחה, וועל איך דיר זאגט וואס איך האב געמיינט. לויט די סמנים פון שו"ע איז משמע אז מען דארף טון אלעס ווי דער טאטע ווייל שזהו הכבוד הגדול לאבות, און אויב דו וועסט טון אנדערש ווי אים: והוא מבייש אותם בבושה שאין גדולה הימנה. אמת אז דאס קינד וועט טון זאכן לויט דער הלכה אדער לויט אן אנדערע השקפות, אבער לויט דעם טאטן איז דאס נישט ריכטיג, און עס וועט קיינמאל נישט קומט צו קיין באנדרי פון א קינד צו א טאטע. לויט דעם טאטן פארשעמט אים דאס קינד!

פארוואס? שרייבט:

„און בכלל, א קינד איז זיך נישט מחויב צו לאזן אביזון פון די עלטערן."

דאס איז די פיין-ליין פון אונזערע גאנצע שמיעס. לויט דעם טאטן איז דאס נארמאל און לויט דעם קינד איז דאס אביזו. וואס טוט מען?

איך האב שטארק הנאה געהאט פון דעם לינק וואס דו האסט אינקלאוזט. בעיקר די פאלגענדע:

„דאס וואס איז היינט נפרץ אז טאטעס "באפעלן" די קינדער (הן במילי דעלמא והן במילי דשמיא) איז אן אביוז פון מצות כיבוד אב פאר דעם צוועק פון דעם גרויסן ציל צו פראדוצירן בנים ובני בנים וועלכע קאנפארמירן 100% מיט אלע קאפריזן פון דער געזעלשאפט. איך רעד יעצט פון זכרון, און כ'האף מארגן זיך מטפל צו זיין מיט מראה מקומות, אבער וויפיל ס'איז מיר אויסגעקומען פון חז"ל ופוסקים זענען כמעט אלע שמועסן פון חיובים וואס דער זון האט כלפי דעם טאטן ווען דער זון איז סמוך על שולחן אביו, און שפעטערדיגע פוסקים זענען נישט עומד דערויף. אין די אויגן פון חז"ל איז א פארהייראטער מענטש א מענטש בפני עצמו, און ס'איז אבסורד זיך צו באציען צו אזא איינעם ווי א "קינד" פון זיין טאטן"

**יב הלוי סאלאווייטשיק** • 21סטן פעברואר 2016

א טאטע דארף מען מכבד זיין, אבער מדארף אים נישט פאלגן בשים ענין,

וכן הוא פשוט להלכה ולית מאן דחולק על זה..

דאס איז ווען סאיז שלא בפניו און דער טאטע ווייסט נישט, איז קיין שים שאלה נישט.

אבער בפניו איז שוין א שאלה פין כבוד ווען מפאלגט נישט, אבער אפי' בפניו איז דא א סברה אז מדארף נישט צי פאלגן, אויף אן איידעלע אויפן אים לאזן וויסן אז איך האב מיך מיין מהלך..

סאיז דא א ברכת שמואל אין מסכת יבמות. וואס רעדט פין פאלגן בפניו..

**ארטיסט** • 21סטן פעברואר 2016

אינטערסאנט וואס עס שטייט:

אסור לאדם להכביד עלו על בניו ולדקדק בכבודו עמהם, שלא יביאם לידי מכשול, אלא ימחול ויעלים עיניו מהם. שהאב שמחל על כבודו, כבודו מחול.

סא עס חל די זעלבע איסור אויף די עלטערן צי מדקדק זיין.

תורה און וויסנשאפט

# וואס ירש'נט א קינד? פון מענדעל'ס „פאקטארן“ ביז „מתו אחיו מחמת מילה“

„ויגדלו הנערים“ – צוויי צווילינג, פון איין טאטן און איין מאמען, און פונקט פארקערט אין זייער נאטור. וואס גייט אריבער פון עלטערן צו קינדער? „יידל“ האט אין 2012 אנגעהויבן א סעריע איבער DNA, און ער האט געוויזן ווי די גמרא האט שוין געקענט א מחלה וואס „לויפט אין דער משפחה“.

פון **יידל** • אויסגעקליבן און מגיה געווען • פון א סעריע

קאווע שטיבל • וויסנשאפט • „די. ען. עי. - 16 • “DNA–טן23סטן אפריל 2012
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/386.html

**יידל** • 16טן אפריל 2012

הקדמה

מיר יידן האבן א פליכט פון שאו מרום עינך וראו מי ברא אלה. דער חובת הלבבות איז לאנג מאריך און שער הבחינה אז ווען א מענטש איז מעיין אין די חכמי הטבע קומט ער צו צו א שטארקע אהבת ויראת ה'. הג"ר אביגדור מיללער האט אויך שטארק זיך באניצט מיט דעם מיטל פון חכמת הטבע צו ארויסברענגען גדלות הבורא, און אריינברענגען אין די הערצער פון זיינע צוהערער יראת שמים. אלס איינער וועלכער איז א שטארקער חובב טבע, און ווערט מורא'דיג נתפעל פון נאטור, פון אירע געזעצן און פון וויסנשאפט איז דער דרך פון התבוננות בחוקי הטבע מיר אלץ געווען צום הארץ. מיר דארפן שוין היינט נישט ארויפקוקן אויף די שטערנס צו זען די געוואלדיגע חכמה וואס ליגט אין נאטור, מיר קענען באטראכטן זיך אליינס און זען פיל פיל וואונדערליכע זאכן.

לעצטנס ליין איך אביסל איבער די.ען.עי. און כ'האב געטראכט אז ס'וואלט געווען א פאסיגע זאך צו עפענען אן אשכול דא אין שטיבל איבער דעם, אזוי אז אנדערע וואס ווייסן מער פון מיר וועלן קענען תורם זיין פון זייערע ידיעות און מיך באנייכערן, בעת איך וועל קען מאכן חזרה איבער זאכן וועלכע איך ליין און זע און באנייכערן דעם עולם. אלעס וואס איך שרייב דא איז נישט בגדר קבלו דעתי נאר בגדר הצעת הדברים לפי קט שכלי ומיעוט הבנתי און אז איינער זעט אז איך האב א טעות, ביטע אויסקלארן.

מבוא

פאר מ'גייט בכלל צו, צו DNA, דארפן מיר קודם ארום רעדן איבער גענעטיקס. (וואס איז דאס גענעטיקס? גענעטיקס איז דער נאמען פון דער שטודיע פון גענעס (genes דזשינס בלע"ז). על דרך משל, קארדיאלאגיע איז דער נאמען פון דער שטודיע פון דעם קארדא (הארץ אין גריכיש)).

ווען עס ווערט געבוירן א קינד אין דער משפחה, איז א גאנצער שמחה. שוין פון ערשטן טאג פרובירן די שוויגער און די מאמע און די גאנצע פאמיליע זען צו וועלכע זייט דאס קינד באלאנגט. "די בלויע אויגן קומט זיכער פון אונזער זייט", זאגט די מוטער. "אבער קוק די ברייטע נאז קומט דאך זיכער פון די מערמעלשטיין'ס" שרייט די שוועסטער. וכן הלאה והלאה. אבער דאס איז יעדער זיכער אז דאס קינד ראט אין דער משפחה, און זעט אויס ווי די מאמע אדער טאטע. די שאלה איז אבער - פארוואס איז דאס אזוי? וועלכע באשטאנדטייל אין דעם גוף זאגט פארן גוף: פארברייטער דעם נאז אביסל, די אויגן קאליר בלוי וכו'? דא קומען געגעס אריין אינעם בילד. געגעס זענען מייקראסקאפישער באשטאנדטיילן וועלכע ליגן באהאלטן אינעם צעל (cell סעל בלע"ז) וואס, דער צעל איז די מאטעריאל פון וואס דער גוף איז צוזאם געשטעלט.

(אז איך האב דערמאנט דעם צעל, לאמיך אביסל געבן הסבר איבער דעם אויפן שפיץ גאפל, פאר די וואס האבן נישט קיין אנונג. יעדע לעבעדיגע זאך איז צוזאם געשטעלט פון צעלס. וואס הייסט א לעבעדיגע זאך? אלעס וואס איז נישט קיין דומם און רוקט זיך פון איין פלאץ צו צווייטן. דער צעל בעצם פארמאגט אין זיך נאך פיל באשטאנדטיילן וואס דאס זענען ווי "אינגרידיענטס" פון דעם צעל, אבער די אלע אינגרידיענטס פאר זיך זענען גארנישט. נאר ווען זיי קומען זיך צוזאם תחת קורת גג אחד, אין א צעל, זענען זיי עפעס א יש. פארשטייט זיך אויך אז עס זענען דא פיל מיני צעלס, געוואנדן לויט וועלכע אינגרידיענטס עס פארמאגט. א יעדע לעבעדיגע זאך איז צוזאמגעשטעלט פון צעלס. למשל,

לאמיר נעמען דעם מענטש. א מענטש האט אין זיך בערך 210 מינים צעלס. למשל: בלוט. בלוט איז צוזאם געשטעלט פון דריי מיני צעלס: רויטע בלוט צעלס, ווייסע בלוט צעלס און פלעטעלטס. די דריי צעלס שווימען רון "בלוט פלאזמא" וועלכער איז דער פליוד fluid וואס איר זעט, ווען איר זעט בלוט. צו זען די צעלס דארפט איר א מייקראסקאפ.

אין יעדע איינציגסטע צעל איז דא געגעס, וועלכע דינען ווי די "מוח" פונעם צעל, און דער צעל לעבט לויט די פארשריפטן פון דער געגע. די געגע איז ווי דער "קאוד" אויף וועלכער דער פראגרעם לויפט. אין אנדערע ווערטער, פון וואו ווייסט דער אויג פונעם מענטש אז ער דארף זיין בלוי צו ברוין? דער געגע אין זיינע צעלן האבן אים דאס געזאגט.

[פארקירצט]

**יידל** • 16טן אפריל 2012

גיי מיר אביסל ווייטער מיט דעם מבוא.

פאר מיר גייען ווייטער, מוז מען קודם רעדן וועגן גרעגאר מענדעל'ס אויפטו און תחום פון תורשה (heredity - די תכונות וואס א קינד ירש'נט פון די עלטערן, ווי בלויע אויגן א.ד.ג.). שוין לאנגע יארן האט מען געוויסט אז כאראקטערן און תכונות גייען אריבער פון טאטן צום זון. טויזנטע יאר צוריק האט מען שוין אין אראבישע לענדער געמישט צווישן אנדערע מינים פערד, כדי די קינדער זאלן האבן די מעלות פון טאטן און פון מאמען. און גמרא זען מיר אויך זייער אסאך אז דער קינד באקומט זיינע תכונות פון זיינע עלטערן. אבער עס איז געווען פארהוילן וויאזוי די תכונות פון די עלטערן קומען אן צו די קינדער, און לויט וועלכע כללים. די אנגענומענע הבנה איז געווען אז די עלטערנס תכונה ווערן געמישט און דאס קינד איז א געמישאכטס פון ביידע עלטערן. למשל, אז דער טאטע האט שווארצע האר און די מאמע האט בלאנדע האר, האט זייער קינד האר וועלכע זענען ערגעץ אינצווישן בלאנד און שווארץ.

מענדעל איז אבער אויפגעקומען מיט דעם געדאנק אז ניין, עס ווערט נישט אויסגעמישט. וואס דען? מענדעל האט געטענה'ט אז סיי די מאמע און סיי דער טאטע האט א געוויסן באשטאנדטייל וועלכער זאגט וויאזוי דער מענטש דארף אויסקוקן. דעם באשטאנדטייל האט מענדעל א נאמען געגעבן "פאקטאר" (factor). אין אונזער משל, האט דער שווארצ-האריגער טאטע, א שווארצן האר פאקטאר, און די בלאנד-האריגע מאמע האט א בלאנדן האר פאקטאר. איצטער, טענה'ט מענדעל, איינע פון די צווייע פאקטארן איז א שטארקער פאקטאר, און די צווייטע איז א שוואכער

פאקטאר. דאס הייסט, אז דער קינד וועט זיין דוקא שווארץ און נישט בלאנד, ווייל שווארץ איז א שטארקער פאקטאר (ער איז גובר אויף שוואכע פאקטארן) און בלאנד איז א שוואכער פאקטאר (ער קען נישט גובר זיין אויף שטארקע פאקטארן). אבער מענדעל'ס חידוש איז געגאנגען טיפער ווי דעם. ער האט גע'טענה'ט אז בעצם האט יעדע מענטש *צוויי** פאקטארן. איינס פון דער מאמע און איינס פון דעם טאטן. איי - פארוואס איז ער שווארץ און נישט בלאנד? די תירוץ איז, ווייל דער שווארצער פאקטאר, וועלכער איז דער שטערקערער פאקטאר "פארדעקט" און באהאלט דעם בלאנדן פאקטאר וועלכער איז דער שוואכערער פאקטאר. אבער - און דא קומט די חידוש צו וועלכע מען דארף צולייגן קאפ - ווען א מענטש האט א קינד, גייט נאר איינס פון זיינע צוויי פאקטארן אריבער צום קינד! און עס קען זיין אפילו דער שוואכערער פאקטאר זאל אריבער גיין צום קינד!

איז לאמיר דא אויס'משל'ן וואס פאסירט לויט מענדעל. ראובן'ס טאטע און מאמע זענען ביידע שווארץ. ראובן האט צוויי שווארצע פאקטארן. דעם שווארצן פאקטאר וועלן מיר באצייכענען מיט אן A. לאה'ס טאטע און מאמע זענען ביידע בלאנד, און לאה פארמאגט צוויי בלאנדע פאקטארן. ראובן און לאה'ס קינדער וועלן אלע האבן איין שווארצן פאקטאר און איין בלאנדן פאקטאר (איינס פון טאטע'ן און איינס פון מאמע'ן). אבער זיי וועלן אלע זיין שווארץ, ווייל דער שווארצער פאקטאר איז דער שטארקער פאקטאר. יעצט, ראובן'ס עלצטע זון, שמעון, האט חתונה מיט רחל. רחל האט אויך איין בלאנדן פאקטאר און איין שווארצן. זי איז טאקע שווארץ. וועלכע פאקטארן גייען שמעון און רחל'ס קינדער האבן? עס זענען דא דריי מעגליכקייטן. אדער גייען די קינדער האבן נאר שווארצע פאקטארן (איינס פון טאטען, איינס פון מאמע'ן), און דאן גייען די קינדער זיין שווארץ-האריג, אדער גייען די קינדער האבן איין שווארצן פאקטאר און איין בלאנדן פאקטאר (איינס פון טאטע'ן און איינס פון מאמע'ן) און זיי גייען ווידער זיין שווארץ-האריג (ווייל ווי דערמאנט איז שווארץ א שטארקער פאקטאר און איז אלץ גובר בלאנד), אדער גייען די קינדער האבן נאר בלאנדע פאקטארן (איינס פון טאטן, איינס פון מאמען) און דאן גייען די קינדער זיין בלאנד האריג.

לויט דעם חשבון קומט אויס, אז כאטשיג ביים ערשטן דור נאך א ריין-בלאנדער (ריין בלאנד הייסט ווען ביידע פאקטארן זענען בלאנד) און א ריין-שווארצער וועלן זיין שווארץ, וועט דער צווייטער דור דערנאך זיין צוויי דריטלעך שווארץ און איין דריטל בלאנד (דאס שרייבט מען אזוי 3:1).

[רעד.: 3:1 מיינט דריי פערטל שווארץ און איין פערטל בלאנד.]

**יידל** • 23סטן אפריל 2012

אן אינטערסאנטע זאך איז כדאי ארויסצוברענגען, אז אין דער גמרא טרעפן מיר שוין א רמז קלה צו גענעטיקס.

די מדובר איז איבער דעם באקאנטן מושג פון "מתו אחיו מחמת מילה". אין דער גמרא ערשיינט כמה פעמים דעם כלל אז מתו אחיו מחמת מילה איז פטור פון מילה. די מקור איז אין יבמות סד, ב ווי די גמרא זאגט ווי פאלגנד:

"תניא: מלה הראשון ומת, שני ומת - שלישי לא תמול, דברי רבי; רבן שמעון בן גמליאל אומר: שלישי תמול, רביעי לא תמול." - מיר האבן געלערנט אין א ברייתא, א פרוי וואס מל'עט איר ערשטער קינד און ער שטארבט, דערנאך מל'עט זי איר צווייטע קינד און ער שטארבט, זאל זי נישט מל'ען איר דריטע קינד. רשב"ג זאגט, איר דריטע זאל זי מל'ען ([אבער אויב ער שטארבט אויך] זאל זי נישט מל'ען איר פערדע קינד. עד כאן די גמרא. אביסעלע נאכדעם פארציילט די גמרא אזוי: "אמר ר' חייא בר אבא א"ר יוחנן: מעשה בארבע אחיות בצפורי, שמלה ראשונה ומת, שניה ומת, שלישית ומת, רביעית - באת לפני רבן שמעון בן גמליאל, אמר לה: אל תמולי." - עס איז געווען א מעשה מיט פיר שוועסטערס אין דער שטאט ציפורי, וואס איינע פון זיי האט געמ'מל'עט איר עשטער און ער איז געשטארבן, דערנאך איר צווייטער און ער איז געשטארבן, דערנאך איר דריטער און ער איז געשטארבן, איז זי ביים פערטן געקומען צו רשב"ג און ער האט איר געהייסן נישט מל'ען. שפעטער זאגט די סתמא דגמרא אז "איכא משפחה דרפי דמא, ואיכא משפחה דקמיט דמא", עס זענען דא משפחות ביי וועלכע די בלוט פלוסט זייער שטארק, און עס זענען דא משפחות ביי וועלכע די בלוט פלוסט שוואך. עד כאן די גמרא.

מען זעט אין דער גמרא אן אינטערעסאנטע זאך, אז עס איז דא א מחלה וועלכע מאכט שטארק בלוטן, עד כדי כך אז קינדער שטארבן דערפון ווען מ'מל'עט זיי, און דאס איז דוקא ביי קינדער פון דער זעלבער מאמע. די טור שרייבט טאקע אזוי (יו"ד סי' רס"ג): "אשה שמלה את בנה ראשון ומת מחמת מילה שהכשילה כחו ומלה גם השני ומת מחמת מילה הרי הוחזקה שבניה מתים מחמת מילה לא שנא היו מבעל אחד או משנים ולא תמול הג' אלא תמתין לו עד שיגדל ויתחזק כחו" א פרוי וועלכע האט גע'מל'עט איר עלטסטער קינד און ער איז געשטארבן... און דער צווייטער איז אויך געשטארבן צוליב מילה... נישט קיין חילוק צו פון איין טאטע צו פון צוויי טאטעס, טאז מען נישט מל'ען איר דריטע קינד". זעט מען קלאר אז די טור האט אנגענומען פאר פשוט (בעקבות הרמב"ם וסתמא דגמרא) אז עס איז תלוי נאר אין דער זעלבער מאמע. עס דארף אבער ווערן צוגעצייכנט אז רבינו מנוח (מובא בב"י שם) האלט אז די זעלבע דין איז דא פון קינדער פון איין טאטן, אבער פשטות די גמרא איז נישט אזוי.

וואס איז די מאדנע מחלה און וועלכע די בלוט פלוסט צו שטארק? אין דער היינטיגער מעדעצינישער וועלט איז באקאנט א מחלה מיטן נאמען "העמאפיליע". וואס איז דאס העמאפיליע? דער באשעפער האט באשאפן אין דער נאטור אז ווען א מענטש באקומט א שניט, דינען די "בלוט פלאזמא" צעלן (זע אויבערשטן תגובה איבער די דריי צעלן וואס זענען פארהאן אין דעם בלוט) ווי סטיטשעס און זיי "פארנייען" די וואונד, דורכן פארהאטעווען די בלוט וואס דאס שאפט ווי אזא "דעקל" וועלכע האלט צוריק די בלוט פון ארויסרונען, (דאס רופט זיך clotting). העמאפיליע הייסט ווען די כוח וואס מאכט די בלוט פלאזמא "קלעבן" איינס צום צווייטן פעלט, און די בלוט קען זיך נישט אויסטרוקענען און פארהארטעוועט ווערן. זענען דא וואס טענה'ן אז די מחלה פון וואס די גמרא רעדט, איז העמאפיליע און דאס מיינט וואס די גמרא זאגט "איכא משפחה דרפי דמי".

העמאפיליע איז א זאך וואס גייט אריבער בירושה גענעטישערהייט, און ווי מ'רופט עס ביי אונז "ס'לויפט אין דער משפחה". הערט און שטוינט וואס מען האט אויסגעטראפן: מען האט באמערקט אז דאס גייט דוקא אריבער פון א מאמע צו איר זון און נישט פון טאטן צום זון. ממש ווי עס איז משמע מסתמא דגמרא.

וואס איז אבער טאקע פשט אז עס גייט נאר דורך די מאמע און נישט דורכן טאטן. דא קומען אריין כראמאזאמען (chromosomes). [פארקירצט]

אנשי שם • צום יארצייט, ו' כסלו

# ר' מיכאל בער ווייסמאנדל — וואס זאגן די נישט־סאטמארער?

ו' כסלו תשי"ח איז נפטר געווארן הגאון ר' חיים מיכאל דוב ווייסמאנדל, דער ראש ישיבת נייטרא און מחבר פון „מן המיצר“, וואס האט אין די מלחמה־יארן געקעמפט צו ראטעווען אידן אין סלאוואקיי. אויפן פארום „פאליש“ האט איינער געפרעגט: וואס ווייסט מען באמת פון אים, און וואס זאגן אלע צדדים?

פון **נחוה, מומר לתיאבון, גרויסע מציאה און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

פאליש • היסטאריע • „ר' מיכאל בער ווייסמאנדל וואס זאגן די נישט סאטמערער?“ • 2טן–6טן מערץ 2017
https://palish.sites.tab.bot/t/1466.html

**נחוה** • 2טן מערץ 2017

ר' מיכאל בער ווייסמאנדל ווער עס האט געהערט פון אים צווישן אונז, ווייסט א חוץ פון זיין פארזוך צו ערפינדן א קאר וואס פארט אויף וואסער אנשטאט גאזאלין האט ער דורכאויס די מלחמה יארן וועלטן איינגעלייגט צו ראטעווען אידן בנפש ובממון. נאכ'ן קריג זאגט מען אז ער האט באשולדיגט אז צוליב די ציונים האט מען נאר געקענט מציל זיין א קומץ פון וואס מ'וואלט באמת געקענט. ס'האט זיך געטון מיט דעם קאסטנער משפט וכו'. איך בין נישט באקאנט מיט די פרטים אבער איך בין גאר נייגעריג צו הערן וואס אלע צדדים האבן צו פארקויפן.

**חיים געציל** • 2טן מערץ 2017

מן המיצר האט ער אליין געשריבן.
איינער וואס לייקנט אז ער האט אזוי גע'טענה'ט איז מכחיש שמש בצהריים.
און ניין, איך בין נישט קיין סאטמארער.

**מומר לתיאבון** • 2טן מערץ 2017

חיים געציל שרייבט:
„איינער וואס לייקנט אז ער האט אזוי גע'טענה'ט איז מכחיש שמש בצהריים.“

מכחיש שמש בצהריים? די עצם פאקט אז פון ווען ער האט געענדיגט שרייבן זיינע מעמוארן ביז ווען דער ספר איז ארויס פון דרוק, האט געדויערט אפאר יאר ווען אינצווישן איז ער נפטר געווארן און הערשט דריי יאר שפעטער איז עס ארויס, ברענגט אויף גאר שווערע פראגעס איבער וויפיל איז זיין אייגנס און וויפיל זענען "פאראכטן" געווארן דורך עורכים.

אין צוגאב צו דעם זענען איינעם ספסר דא בריוון, וואס ער האט געשיקט קיין שווייץ אדער אנדערע פלעצער, וואס זענען דעם ערשטן מאל אנטדעקט געווארן ביים דרוקן מן המיצר. די מענטשן אין שווייץ האבן קיינמאל נישט באקומען די בריוון, דאס ווען די בריוון וואס זיי האבן באקומען עקזיסטירן ביז היינט אין די ארכיוון פון די ארגאניזאציעס, ווען די מענטשן האבן רעפרעזענטירט. דאס ווען ער האט געשריבן צו אפאר מענטשן, נישט אין מענטש וועלכע קען האבן אן אינטערעס און עס פארלוירן. איבערהויפט ווען די מענטשן און שווייץ, דער פון די זשוינט און דער פון די זשוואיש עיזשענסי האבן זיך בכלל נישט פארטראגן, און ניטאמאלגערעדט צווישן זיך.
הרב ווייסמאנדל האט דאס געוואוסט און ווען דעם האט ער געשיקט עטליכע קאפיעס פון די זעלבע בריוון.

דאס מיינט איינס פון די צווי, אדער זענען חלקים פון זיינע בריוון קיינמאל נישט אנגעקומען צו זייערע דעסטינאציעס, אדער זענען די בריוון געשריבן געווארן אפאר יאר נאך דער מלחמה דורך געטרייע מענטשן.

דאס מאכט נישט די מענטשן וואס לייקענען דעם בוך, פאר מכחישי שמש בצהריים, נאר עס מאכט די מענטשן וואס נעמען אלעס וואס שטייט דארט אלס תורות לאקשן אלס עיוור המגשש באפילה.
און ווי יעדע בוך וואס שרייבט היסטאריע איז דאס פונקט אזוי בארעכטיגט צו קריטיק.
און אלס שמוע בין אחיכם ושפטתם צדק, האסטו געפסקנט נאך פאר האסטו געהערט דעם אנדערן צד מיט נאך אסאך אנדערע מענטשן

**LOVE** • 2טן מערץ 2017

וואס איז דער אנדערער צד? עס איז א פאקט אז ער האט פראבירט צו שאפן געלט און מען האט עם נישט געשיקט. אדרבא מומר, וואס איז דער אנדערער צד?

**מומר לתיאבון** • 3טן מערץ 2017

כקען נישט געגוי די מעשה פון ארום, כהאב געלייענט אויסצוגן פון מן המיצר א צייט צוריק און אויך חלקים פון קריטיק ביכער, כקען זיך נישט אויס מיט דער מעשה ארום און ארום.

אויב רעדט מען איבער הרב ווייסמאנדל און משמועסט אויס וואס ער איז אריבער, איז דאס א מעשה פון עטליכע חלקים מיין איך און מדארף עס לאזן פאר די פרא'ס.

כגלייב אז די מענטשן וועלכע קענען זיך אויס מיט דער היסטאריע פון דער צווייטער וועלט מלחמה, קענען אסאך מער פרטים ווי מיר און וועלן האבן מער צוצוגעבן ווי מיר, ווען איך קען די מעשה בלויז למחצה, לשליש ולרביע בערך. וואס כקען צולייגן פון וואס ער שרייבט אינעם בוך, די נייטרא רב, דאס הייסט רב ווייסמאנדל'ס שווער, איז נישט געווען עפעס זייער צופרידן פון זיין איידעמס ארבעט און האט אים עטליכע מאל פארגעהאלטן דערויף, הייתכן ער גלייבט און פארלאזט זיך אויף גויים און ענליכס. כקריך נישט אריין אין דעם אינערליכן משפחה חלק פונדעם, נאר די עצם פאקט אז הרב אונגאר האט פארשטאנען אז מקען נישט און מטאר נישט גלייבן קיין גויים, נישט קיין חילוק אויב מרעדט פון סלאוואקן, פאלקסדייטשן אדער נאציס זעלבסט, ווי אויך קאטוילישע רעליגיעזע פירער, געט אונז אסאך אנצודייטן איבער דער קריטיק וואס זענען מיט דער צייט געשיקט געווארן אין דער ריכטונג פון הרב ווייסמאנדל.

די אנדערע זאך וואס כהאב צוצולייגן, קען אפשר זיין א לעגענדע אבער סאיז נישט קיין סייענס פיקשן. ר' מיכאל בער האט נאכן קריג זיך געטראפן מיט ליובאוויטשע רבי די מהרייץ (די שווער פון משיח). ר' מיכאל בער האט אים דערציילט אז ער האט געהאט די אפציע צו ראטעווען אזויפיל אידן, אבער פרייע און ציונים האבן אים נישט געהאלטן ביים העלפן און דעריבער זענען אזויפיל געהרגט געווארן. האט דער ליובאוויטשער רבי אים געענטפערט, ביסט א פרומע איד? גלייבסט אז סדא א באשעפער אויפן וועלט? דו פארשטייסט אז דאס איז געווען א גזירה מן השמיים? דו וואלטסט נישט געקענט ראטעווען ווייל אזוי האט דער באשעפער געוואלט און גארנישט וואלט דיר נישט געהאלפן דאס צו פארטוישן דורך דיינע פלענער.

**גרויסע מציאה** • 5טן מערץ 2017

[פארקירצט]

די איינציגסטע לאנד אין דער וועלט, וואו אידן פון אלע זייטן האבן באוויזן זיך צו פאראייניגן אונטער איין פירערשאפט, איז געווען אין סלאוואקיי. הרב ווייסמאנדעל האט נישט געארבעט אליין, זיין קוזינע גיזי פליישמאן וועלכע איז נישט געווען זייער פרום, און האט געדינט אלס פארשטייערין פון די זשוינט און פון ויצ"ו (די פרויען אקזילערי פון אלוועלטליכע ציוניסטישע באוועגונג), אין צוגאב זענען אין דער גרופע געווען נאך עטליכע וויניגער באקאנטע, ווי א נעאלאגישע רב און נאך א דאקטער מיט אנדערע נעמען וואס זייער ראלע איז געווען מינדערוויכטיג. די פאקט אז די גרופע האט באוויזן זיך צו פאראייניגן -נעמליך, אן ארטאדאקסישע רב, א פארברענטע ציוניסטקע, און א נעאלאגישע ראביי. דאס הגם די דריי גרופעס אונטער נארמאלע אומשטענדן וואלט דאס זיכער נישט פאסירט. זאגט אסאך איבער הרב ווייסמאנדל און זיין ארבעטער גרופע.

**LOVE** • 6טן מערץ 2017

ממש א מציאה דיינע ברייטע און טיפע היסטארישע ידיעות, שרייב ווייטער, מיר טרונקען מיט דארשט.

בפשטות איז רגיל בפי החרדים אז דאס איז טאקע די רשעות פון די ציונים און די פרייע אז זיי האבן זיך אריינגעריקט און ארויסגעשטויסן די פרומע אפילו אין די פלעצער ווי חרדים זענען געווען די מערהייט.

לוח

# יארצייטן פון דער וואך

ב'–ח' כסלו. די רשימה איז צוזאמגעשטעלט געווארן אויף היידפארק אין תשס"ד (2003), ווען די טעג זענען אויסגעפאלן אויף די זעלבע טעג פון דער וואך ווי הײַ־יאר.

פון **כינרו1**

היידפארק • חסידישע נייעס • „הילולא דצדקיא" • 23סטן און 30סטן נאוועמבער 2003
https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html#p5660281

## דאנערשטאג, ב' כסלו • 12טן נאוועמבער

- הרה"ק ר' שמריהו מווערחובקה זי"ע (תלמיד הבעש"ט) • תקל"ו
- הרה"ק ר' משולם פייביש הלוי ב"ר אהרן משה מזבריזא זי"ע (בעמח"ס יושר דברי אמת) • תקנ"ה
- הרה"ק ר' ישראל יצחק מראדושיץ ב"ר דוב בער זי"ע • תרי"ח
- הגאון ר' נחום מדומבראווא ב"ר יעקב מהרומילוב זצ"ל (בעמח"ס חזון נחום) • ת"ש
- הגאון ר' עקיבא ב"ר שמחה בונים סופר מפרשבורג זצ"ל (בעמח"ס דעת סופר) • תש"ך
- הגאון ר' אהרן ב"ר שניאור זלמן קוטלר זצ"ל ראש ישיבת לייקווד ארה"ב • תשכ"ג

## פרייטאג, ג' כסלו • 13טן נאוועמבער

- הרה"ק ר' אברהם יהושע העשיל ב"ר יצחק מסקווירא זי"ע • תרמ"ז
- הרה"ק ר' משולם ישכר דוב ב"ר צבי הירש אשכנזי מסטאניסלאב-אלעסק זי"ע לונדון • תשנ"ה

## שבת קודש פרשת תולדות, ד' כסלו • 14טן נאוועמבער

- הרה"ק ר' יעקב דוב מאמשינוב ב"ר ישראל יצחק מוואורקא זי"ע • תרל"ח

## זונטאג, ה' כסלו • 15טן נאוועמבער

- הגאון ר' שמואל אליעזר ב"ר יהודה הלוי איידל'ס זצ"ל (המהרש"א) • שצ"ב
- הגאון ר' דוד ב"ר יהודה לוריא מביחוב זצ"ל (בעמח"ס חידושי הרד"ל) • תרט"ז
- הרה"ק ר' אשר אנשיל הלוי יונגרייז אב"ד טשענגער ב"ר שמואל זצ"ל (בעמח"ס מנוחת אשר) • תרל"ד
- הרה"ק ר' יעקב יהודה מנדרזין ב"ר נתן נטע זי"ע • תרמ"ו
- הגאון ר' יהונתן ב"ר מרדכי אלײַשבערג זצ"ל (בעמח"ס דרכי הוראה) • תרנ"ט
- הגאון ר' ברוך דוב ב"ר שמואל דוד ליבוביץ זצ"ל מקמיניץ (בעמח"ס ברכת שמואל) • ת"ש

## מאנטאג, ו' כסלו • 16טן נאוועמבער

- הגאון ר' יעקב ב"ר אהרן שיק מקרלין (בעמח"ס משכנות יעקב) • תר"ה
- הגאון ר' חיים מיכאל דוב ב"ר יוסף ווייסמאנדל זצ"ל ראש ישיבת נייטרא (בעמח"ס מן המצר) • תשי"ח
- הרה"ק ר' יחזקאל שרגא ליפשיץ-הלברשטאם מסטרופקוב ירושלים ב"ר ישכר דוב זי"ע • תשנ"ה

## דינסטאג, ז' כסלו • 17טן נאוועמבער

- הגאון ר' יעקב משה ב"ר זבולון חרל"פ זצ"ל מירושלים • תשי"ב
- הרה"ק ר' שלמה בנימין ב"ר יהודה לייב הלוי אשלג זי"ע • תדש"מ

## מיטוואך, ח' כסלו • 18טן נאוועמבער

- הרה"ק ר' משה ב"ר יצחק זצ"ל (בעמח"ס חידושי מהרש"א מהדורה בתרא) • תכ"ט
- הגאון ר' אברהם הכהן יצחקי מתוניס זצ"ל (בעמח"ס משמרות כהונה) • תר"כה
- הרה"ק ר' אהרן מטשערנוביל ב"ר מרדכי זי"ע • תרל"ב
- הרה"ק ר' פנחס דוד ב"ר שמואל שמעלקא הלוי הורוביץ זי"ע האדמו"ר הזקן מבוסטון • תש"ב
- הרה"ק ר' דוד ב"ר שמואל בורנשטיין מסוכטשוב זי"ע • תש"ג
- הרה"ק ר' נחום דוד משה ב"ר יחיאל מיכל ברנדוויין מטורקא-סטרעטין זי"ע • תשמ"ח

הומאר

# „הלעיטני נא מן האדום האדום“ – אויף דער דרייצנטער עוועניו

וואך פרשת תולדות תשס"ו: א היימישע בעקעריי אין בארא פארק פארקויפט רויטע קוקיס לכבוד דעם נזיד עדשים. „בומלך“ האט געוואלט פארשטיין די עמקות, און די הײדפארק־חברה האבן גלייך אנגעהויבן קאכן אייגענע ספעשלס פאר די קומענדיגע סדרות.

פון **בומלך, Baachi, קרעמער און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

הײדפארק • חדשות אנ"ש אין בילדער • „הלעיטני נא מן האדום האדום.. 13 עוו“ • 30סטן נאוועמבער – 1טן דעצעמבער 2005
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1695021.html

**בומלך** • 30סטן נאוועמבער 2005

א גאר מאדנע זאך האב איך געזען היינט אויף די דרייצענטע עוו.

א אידישע בעקעריי מיט א גאר היימישע השגחה, טוט אדווערטייזן אויף זייער טיר און פענסטער:

ויזד יעקב נזיד..."הלעיטני נא מן האדום האדום הזה"...

די ספעשל פאר דער וואך פרשת תולדות איז רויטע ---- קוקיס...

איך מוטשע מיך זייער צו פארשטיין די עמקות.

סע איז מעגליך אז דער בעקער האלט זיך פאר א יעקב, און ער מאכט א גוטן רויטן "נזיד...". אבער וועם האלט ער פאר אן עשו אז ער זאל וועלן זיך פארקויפן און עסן פון דעם נזיד עדשים וואס ער האט אנגעריכטן?

אפשר קען מיר איינער צוהעלפן.

**קרעמער** • 30סטן נאוועמבער 2005

אהא, הייסט דאס אז דו האלטסט שוין נאכן פארשטיין "ויהי בחצי הלילה דודי סעיל", און "בני ישראל יוצאים מיט ליבער'ס פאטעיטא טשיפס".

**Baachi** • 30סטן נאוועמבער 2005

האוז אבאוט

"נבילה אנד טריפה קא. אינק."

קומטס ראמבלען ביי אונז

זייטס מקיים: לכלב תשליכון אותו

**לאוולי** • 30סטן נאוועמבער 2005

גיי אריין און קוק ווער סקויפט די קוקיס וועסטו וויסן ווער דער עשיו איז.

**Baachi** • 30סטן נאוועמבער 2005

וואס וועט זיין קומענדיגע וואך?

קומט זייט מקיים: ויאכל גם אכל

סעט אונזער טשעקער בארד: עקודים נקודים וברודים

אנגעפילט מיט טעם פון די אריגינאלע: דודאים בשדה

סערווירט דורך: הרהטים בשקתות

באצאלט מיט קרעדיט קארדס:ויברח הוא וכל אשר לו

בכבוד רב

אייערע געטרייע צוויי פריינד: גנובתי יום און גנובתי לילה

**yohcee718** • 30סטן נאוועמבער 2005

Baachi שרייבט:

„באצאלט מיט קרעדיט קארדס: ויברח הוא וכל אשר לו“

אדער ויעקבני זה פעמים

SWIPE IT AGAIN

**קרעמער** • 1טן דעצעמבער 2005

שפאציר איך אריין אין רעסטוראנט פרשת וישלח, איך באשטעל זיך א כמעשה'דיגן בראנטש, פרעג איך אים מה בצע? זאגט ער מיר תיישים עשרים!

פאר די וואס האבן געלערנט אין ... פרעגט איבער.

**shabbos_23** • 1טן דעצעמבער 2005

קרעמער יור גוד!! פאר די וואס כאפן נישט תיישים עשרים "טווענטי באקס.." נאדיר 3 אזעלכע..

**קרעמער** • 1טן דעצעמבער 2005

נתן:

מאך זיך נישט אזוי תמ'יש, דו ביסט דאך א היימיש אינגל, האט דען דיין רבי נישט געטייטשט "תיישים = באקן"?

יעצט "באקס" איז א לשון נקי (אדער מגונה) פאר געלט.

יעצט שטעל צוואם די גאנצע ווערטל.

STILL NEED HELP?

**עליכם_שלום** • 1טן דעצעמבער 2005

פר' ויךא בין איך פונקט אדורך דארט, האב איך באמערקט אין פענסטער, ביליו איט אר נאט...

ויהפוך את הערים האלה סעיל!

עפל טוירנאוויוערס סעיל!

דער חברהמאן פון דעם סעילס דעפארטמענט דארט, מוז זיין עפעס א באטעמטע אידעל.

**בןמלך** • 1טן דעצעמבער 2005

די בעקעריי איז די הערליכע לוקסוריעזע "וויס בעקערי" בהשגחת התאחדות.

זיי האבן ידעדע וואך ספעשל'ס באזירט אויף דער פרשה אדער סעזאן.

פיל מאל איז די מליצה גאר אינטערעסאנט, אבער צומאל קען מען לאכן און וויינען איינאיינעם. בפרט ווען נזיד עדשים מיינט קיילעכיגע רעספבערי קוקיס...

---

קורץ און שארף

# פערל פון די ארכיוון

דריי ווערטלעך אויף דער סדרה פון „אונטער־א־מינוט חסידות־ווארט“, און צום סוף די ערשטע „לינדזן־קשיא“ פון היידפארק.

## די שפיל פון לעבן

**פשוט-קאמפליצירט:**

א מענטש וואס איז א fan פון א ספעציפישן ספארטס-טים -- לאמיר זאגן די "רעד סאקס" -- זוכט נישט אונטערצוברענגען דעם צד-שכנגד טים, ווייל הגם ער וויל זיין טים זאל געווינען, פארשטייט ער אז מען קען נישט געווינען אן קיין פארמעסט. און בכדי ס'זאל זיין א פארמעסט, מוז זיין א צד שכנגד. אנדערש איז נישטא קיין גיים.

ווען דער "ויתרוצצו" האט זיך אפגעשפילט ביי רבקה'ן אין בויך, איז זי געווען באזארגט: וואס איז פשט פון דער "ביי-פאולער" אויפפירונג פונעם עיבור? פארוואס ציט אים בכלל צו דער נעגאטיווער זייט? האט דער אויבערשטער זי געזאגט: דעטס לייף! עס זענען אין דער וועלט פאראן צוויי כוחות, וואס זענען קעגנערס בטבעם. דער געראנגל צווישן דעם נפש אלוקית און דעם נפש הבהמית איז נישט קיין פראבלעם, קיין קאפ-ווייטאג, קיין "שונא" פאר'ן מענטש. פארקערט: מען דארף דעם געראנגל אויפנעמען מיט אפענע הענט, מיט שמחה! ווייל דער דאזיגער געראנגל איז די זאך וואס פארזיסט די שפיל וואס מיר רופן לעבן.

קאווע שטיבל • „אונטער-א-מינוט חסידות-ווארט“ • 30סטן אקטאבער 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5085.html#p159706

## „עלי קללתך בני“

**פשוט-קאמפליצירט:**

ווען יעקב אבינו האט זיך אריינגעשלייכט אין הויז צו גנב'ענען די ברכות, האט רבקה אים אנגעטאן האריגע קליידער כדי פארווישן די שפירן פון יעקב'ס גלאטער הויט. פריער, ווען רבקה האט צוערשט פארגעשלאגן פאר יעקב צו אויסכאפן די ברכות און יעקב האט זיך געזארגט אז יצחק וועט אים גאר שעלטן, האט רבקה אים געזאגט: זארג נישט; "עלי קללתך בני." פארוואזשע האט אים רבקה נישט באלד דעמאלט געגעבן די עצה וואס זי האט למעשה געטאן?

ווייל ווען עמיצער קומט צו דיר זיך אויסרעדן אויף א פראבלעם אדער צרה, גיב אים נישט קיין עצות, נאר טייל זיין ווייטאג; סימפאטיזיר און וויין מיט אים. ווען יעקב איז דערשראקן געווארן און זיך געזארגט, האט רבקה אויסגעדריקט מיטלייד, גענומען אויף זיך זיין צרה. הערשט ווען ס'איז געקומען לידי מעשה, דעמאלט האט זי אים געהאלפן מיט עפעס פראקטיש, ממשות'דיג.

קאווע שטיבל • „אונטער-א-מינוט חסידות-ווארט“ • 1טן נאוועמבער 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5085.html#p160111

## „ויעקב איש תם“

**דריידל:**

ויעקב איש תם. זאגט רש"י מי שאינו חריף לרמאות קרוי תם. שטעלט זיך די קשיא אז יעקב האט דאך פיין געטויגט צו רמאות ווען ער האט געכאפט די ברכות און בכורה פון עשו, און שפעטער מיט לבן?
ענטפערט די שינאווא רב אין דברי יחזקאל אז "איש" ווייזט אויף בעלות אזויווי איש מלחמה. יעקב האט קאנטראלירט זיין תמימות און ווען ס'האט זיך אויסגעפעלט האט ער זיך משתמש געווען מיט רמאות.

דאס זאגט רש"י מי שאינו חריף קרוי תם, אבער יעקב איז געווען אן איש תם.

קאווע שטיבל • „אונטער-א-מינוט חסידות-ווארט“ • 21סטן נאוועמבער 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5085-5.html#p236964

## פארוואס דוקא לינדזן?

**קרעמער:**

רש"י שרייבט אז דאס איז געווען עדשים אדומות, און פארוואס פונקט דאס? ווייל דאס איז רינדעכיג, און אבילות/טרויער איז אויך א זאך וואס דרייט זיך ארום אין דער וועלט, אדער ווייל עדשים האבן נישט קיין עפענונג (מויל), און אן אבל איז אויך אסור צו גריסן.

**90pct:**

עכשיו אני מבין!!!!!!!!!

מעולם לא הבנתי למה בפלשתים קוראים המאכל הנקרא M&M בשם עדשים.

הײדפארק • „הלעיטנו נא: וואס איז דאס רויטע לינדזען?“ • 4טן דעצעמבער 2005
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1699951.html#p-1699951

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 12טן נאוועמבער, אין פריערדיגע יארן? א קלאג אויף די גאס־קלינער, א קשיא אויף א רש"י, און א קידוש מיט „געוועגדליך . . . אבער".

14
יאר צוריק
2012

## 2 וואכן שוין נישט געקלינט די גאסן

**אוהב דעת** • קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • 12טן נאוועמבער 2012

יעצט איז שוין 2 גאנצע וואכן וואס מ'האט שוין נישט געקלינט די גאסן, האב איך געכאפט א שפאציר, זיך אומגעקוקט, און געזען אז די גאסן זענען בכלל נישט שמוציג. שטעלט זיך א קשה פארוואס דארף מען קלינען יעדע וואך 2 מאל א זייט (אין ווילי)? חוץ פון דעם אז עס איז ארויסגעווארפן אונזער געלט, איז מען מצער די אלע מענטשן וואס דארפן זיין ביזי צו רוקן די קאר! איך מיין אז מיר זאלן אראפרופן די שטאטישע טאטעס (וואס??? זיי גייען קיינמאל נישט קומען, מ'דארף רופן די מידיא), זאל מען זיך איבערצייגן די פאקטן, און טוישן די סיסטעם!

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2345.html

9
יאר צוריק
2017

## נקרא לנערה ונשאלה את פיה

**יעקב מענטש** • קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • 12טן נאוועמבער 2017

יארן צוריק האב איך געהערט א בעל דרשן האקן אויף דעם חרדי'שן וועג פון טון שידוכים, אז ס'איז בניגוד צו השקפת התורה אז מ'דארף האבן די מיידל'ס הסכמה פארן טון א שידוך, ווי ס'שטייט פאריגע וואך ביי רבקה נקרא לנערה ונשאלה את פיה, און די חסידים וואס גיבן סך הכל אן אינטערוויו פון א דריי פערטל שעה טוען אן עוולה.

קום כלפי דעם עצם געדאנק, בין איך שטארק מסופק וויפיל מער פאסיג די נישט-חסידישע שידוכים זענען, לכבוד דעם וואס זיי גייען ארויס 2, 3 מאל און מ'שמועסט פארמאל, מיין סברא זאגט אז דאס טראגט נישט צו ווייט, און ס'איז א שוואכע אינדיקעיטאר אויף צו מאכן א דעסיזיע צי ס'איז צוגעפאסט אדער נישט, ובפרט אז מ'רעדט דא פון צוויי אינגע ביימעלעך וואס זיי זעלבסט האבן א קנאפע השגה וואס זיי ווילן, קוק אים נאר אן א קארגע 10 יאר שפעטער ווערסטו אים אין אן אסאך פעלער נישט דערקענען, איינער פארט ארויף און איינער אראפ וכו'.

אבער לערנענדיג חו"ר פאריגע וואך, זע איך אז ונשאלה את פיה איז בכלל נישט געווען איבער דעם עצם שידוך (נאכדערצו אז מ'רעדט פון א 3 יעריג מיידל), און ווען מ'האלט ביי דעם פסוק, איז שוין דער שידוך געווען כתוב וחתום, נאר מ'האט דן געווען צו מ'זאל שוין פארן זיך משלים זיין אין א"י אדער מ'זאל נאך ווארטן א יאר.

חוץ פון דעם זעט מען אז יצחק האט מען בכלל נישט געפרעגט, אים האט מען אנגערופן אין ישיבה זאגן אז מ'האט אים א חתן געמאכט...

רש"י שרייבט יא אז "מכאן שאין משיאין את האשה אלא מדעתה", דארף מען 'לכאורה' לערנען פשט אז מ'רעדט פון פאקטיש גיין אונטער דער חופה, נישט אויף דעם עצם שידוך.

וואס זאגן די ליטווישע דאהי? זעט מען טאקע ביי ענק א גרעסערע פראצענט צופרידענע פארלעך?

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11973.html

8
יאר צוריק
2018

## געוועגדליך שרייב איך נישט קיין אשכולות, אבער......

**אויסער געוועגדליך** • קאווע שטיבל • א שמייכל • 12טן נאוועמבער 2018

אן אויסער געוועגדליכע לעבן

געוועגדליך עס איך נישט ביי א קידוש, אבער......

ביי דער היינטיגער שמחה, ווי איך האב אזוי גוט געקענט דער זיידן דארט, ווי איז מעגליך צוצוקוקן די הערינג, גאלע, קישקע, גריבענעס, טשאלענט וכו' און נישט טועם זיין א פאר טעלערס פון יעדער מין? וואס הייסט? מיר האבן דאך געוואוינט אין איין שטאט און געגוצט דער זעלבע וואסער סיסטעם. און דאס איז דאך א אידישע שמחה, ווי קען מען זיצן ווי אן אבל? און סתם אזוי, איך האב נאר גענומען פיר סלייסעס, נישט זיבן ווי יענער דארט, וואס האלט אין איין ציילן אויף א דריטענ'ס טעלער.

געוועגדליך דאווען איך נישט שפעט, אבער......

היינט בין איך געווען מיד ביים אויפשטייען און איך האב בטעות פארלאשן מיין וועקער זייגער. און למעשה ביי אונז חסידים איז מען דאך סייווי נישט אזוי מקפיד אויף זמן תפלה. און קוק יענער שיינער איד וואס גייט ארויס יעצט פון ביהמ"ד. איך ווייס אז ער גייט ארויס און איך גיי ערשט אריין, אבער פארט זענען מיר איינס.

געוועגדליך רייכער איך נישט, אבער......

איך האב יעצט געגעסן א פיינע מאלצייט, און דאס איז זייער גוט פאר דעם מאגן. און וואס ווייסן דען די דאקטוירים? מיין שכן איז געגאנגען צום דאקטאר און עס האט אים גארנישט געהאלפן, ער קען פונקט אזוי נישט האבן קינדער ווי פאר דעם. און למעשה, רייכער איך נישט ביז'ן סוף ציגארעטעל, איך שטעל זיך אפ אביסל פאר דער ענדע פון דעם ציגארעטעל, און איך האב אמאל געליינט אין ריעדערס דיידזשעסט אז דארט איז דער שעדליכסטער טייל פון דעם ציגארעטעל.

געוועגדליך עס איך נישט אין א רעסטאראנט, אבער.......

דאס האט דאך א היימישע הכשר, און ווי קען מען אויף זיי נישט פארלאזן? און ממנ"פ, מיין ווייב איז דאך אזא גוטע קעכער אז זי וואלט געקענט האבן אן אייגענעם רעסטאראנט. נו, אין דעם אייגענעם שטוב מעג איך שוין אויך נישט עסן?

געוועגדליך הער איך נישט קיין ראדיא, אבער......

יעצט בין איך אין קאר אליינס, און עס איז נישט דא וואס צו טון, אחוץ די לאנגווייליגע דרשות וואס מ'פארקויפט אין 'סמעדרעש פון תורה מיט הלכות. למעשה, קול מבשר מעג מען דאך הערן, און פון וואו מיינסטו נעמט ער זיין נייעס? איך לעש עס אוודאי' אויס ווען מיין קינדער זענען דא, אחוץ ביי וויכטיגער נייעס פון דעם פרעזידענט, פארשטייט זיך.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12708.html

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

אינעם אשכול פון אונזער הויפט־ארטיקל, וועגן קינדער וואס גייען אין אייגענע וועגן, האט „חדשים“ צוגעלייגט:

עס איז באקאנט דאסווארט פון סאטמאר רב זצ"ל אז ער מאכט גארנישט נאך זיין טאטע חוץ מיט איין זאך. פונקט ווי זיין טאטע האט זיך געפירט נישט נאכצומאכן זיין טאטע, פירט ער זיך אויך נישט נאכצומאכן זיין טאטע.

**חדשים** • קאווע שטיבל • 24סטן נאוועמבער 2022

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15669.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **לכבוד שבת קודש** | „א צדיק בן צדיק אדער א צדיק בן רשע – ווער איז חשוב'ער?“ · **שמן למאור**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „א צדיק בן צדיק אדער א צדיק בן רשע, ווער איז חשוב'ער?“ · 23סטן נאוועמבער 2022<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15669.html |
| **שמועסן אויף דער סדרה** | „רבקה'ס עלטער, עשו'ס בכורה און „זבל פרדותיו“" · **שמעקעדיג, outspoken, איחוד פעלד און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „שאלות אויף דער סדרה (אשכול 2240#) · „איז טאקע רבקה געווען דריי יאר?“" · 11טן–18טן נאוועמבער 2012 · 12טן נאוועמבער 2017<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2240.html |
| **הלכה־שמועס** | „קשיות אויף הלכות כיבוד אב ואם“ · **ארטיסט, קל וחומר, פארוואס? און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „קשיות על הלכות כיבוד אב“ · 17טן–21סטן פעברואר 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10151.html |
| **תורה און וויסנשאפט** | „וואס ירש'נט א קינד? פון מענדעל'ס „פאקטארן“ ביז „מתו אחיו מחמת מילה“" · **יידל**<br>קאווע שטיבל · וויסנשאפט · אשכול „די. ען. עי. - 16 · “DNAטן–23סטן אפריל 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/386.html |
| **אנשי שם • צום יארצייט, ו' כסלו** | „ר' מיכאל בער ווייסמאנדל – וואס זאגן די נישט־סאטמארער?“ · **נחור, מומר לתיאבון, גרויסע מציאה און אנדערע**<br>פאליש · היסטאריע · אשכול „ר' מיכאל בער ווייסמאנדל וואס זאגן די נישט סאטמערע?“ · 2טן–6טן מערץ 2017<br>https://palish.sites.tab.bot/t/1466.html |
| **הומאר** | „„הלעיטני נא מן האדום האדום“ – אויף דער דרייצנטער עוועניו“ · **בזמלך, Baachi, קרעמער און אנדערע**<br>היידפארק · חדשות אנ"ש אין בילדער · אשכול „הלעיטני נא מן האדום האדום.. 13 עוו.“ · 30סטן נאוועמבער – 1טן דעצעמבער 2005<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1695021.html |
| **היינט מיט 14 יאר צוריק** | „2 וואכן שוין נישט געקלינט די גאסן“ · **אוהב דעת** · קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · 12טן נאוועמבער 2012<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2345.html |
| **היינט מיט 9 יאר צוריק** | „נקרא לנערה ונשאלה את פיה“ · **יעקב מענטש** · קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · 12טן נאוועמבער 2017<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11973.html |
| **היינט מיט 8 יאר צוריק** | „געוועגדליך שרייב איך נישט קיין אשכולות, אבער......“ · **אויסער געוועגדליך** · קאווע שטיבל · א שמייכל · 12טן נאוועמבער 2018<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12708.html |
| **יארצייטן פון דער וואך** | **כינר1** · היידפארק · חסידישע נייעס · „הילולא דצדקיא“ · 23סטן און 30סטן נאוועמבער 2003<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html#p5660281 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „די שפיל פון לעבן“ · **פשוט-קאמפליצירט** · קאווע שטיבל · „אונטער-א-מינוט חסידות-ווארט“ · 30סטן אקטאבער 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5085.html#p159706 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „„עלי קללתך בני““ · **פשוט-קאמפליצירט** · קאווע שטיבל · „אונטער-א-מינוט חסידות-ווארט“ · 1טן נאוועמבער 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5085.html#p160111 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „„ויעקב איש תם““ · **דריידל** · קאווע שטיבל · „אונטער-א-מינוט חסידות-ווארט“ · 21סטן נאוועמבער 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5085-5.html#p236964 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „פארוואס דוקא לינדזון?“ · **קרעמער / 90pct** · היידפארק · „הלעיטנו נא: וואס איז דאס רויטע לינדזען?“ · 4טן דעצעמבער 2005<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1699951.html#p-1699951 |
| **די תגובה פון דער וואך** | **חדשים** · קאווע שטיבל · 24סטן נאוועמבער 2022<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15669.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** מאנטאג, דעם 16טן נאוועמבער – נומער 8, דער פערטער וועלטליכער נומער. דאנערשטאג, דעם 19טן נאוועמבער – נומער 9, אויף פרשת ויצא.

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.